NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11414

# FUN YENER ZAYT KHINEZISHER VANT

Itzhak Rimon

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאפולערע
וויסנשאפטלעכע
ביבליאטעק

י. רימאָן

# פון יענער זייט כינעזישער וואנט



12

קאאפעראטיווער פארלאג
קולטור-ליגע

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק״,
4-טע דרוקעריי, וואראווסקע 42
באַשט. 420. געדרוקט — 3000
אקרליט 21.652 №

# פאָרוואָרט.

דאָס ביכל איז ניט קיין סיסטעמאטישער אויסלייג פון דער פיזישער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער געאָגראַפיע פון כינע.

דערדאָזיקער גאַנצער מאַטעריאַל איז, עמעס, אויפגעקליבן אין ביכל, נאָר געגעבן איז ער אויס פעדאַגאָגיש-פּאָפולאַריזאַטאָרישע טאַימים, אַזויצוזאָגן „קניפּנווייס" ד. ה. אין דער פאָרם פון באַזונדערע קניפּ-טעמעס, וואָס פיקסירן די אויפמערקזאַמקייט אַף די צענטראַלע לעבנס-מאָמענטן פון כינעזישן פאָלק און לז.

נאָר קעדיי צו געבן די מעגלעכקייט, שטענדיק צו געפינען די נייטיקע מאַטעריאַלן, גיבן מיר פאָלגנדיקע אָנווייזונג:

| מאטעריאל פון | געפינט זיך אין די קאַפּיטלען |
|---|---|
| פיזישער געאָגראַפיע | 1, 2 |
| עקאָנאָמישער „ | 1, 2, 4, 7, 8, 15, 16 |
| פּאָליטישער „ | 1, 2, 13, 17, 19 |
| שטייגער | 3, 4, 5, 6 |
| פּאָליטיק | 1, 8—20 |
| קריג | 9, 12—15, 19 |
| אימפעריאַליזם | 9, 10, 13, 15, 17—20 |

[308(51)]

פאפולער-וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק

משה אראָער
ניו-יאָרק

י. רימאַן

# פון יענער זייט
# כינעזישער וואַנט

לאַנד. מענטשן. געזעלשאַפט. בירגערקריג.

№ 12

קאָאָפעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“
קיעוו — 1927

כינע —

דער גרעסטער מענטשן־קיבעץ אָפן ערד־קיילעך, קימאַט אַ פערטל פון דער מענטשהייט.

כינע —

איינע פון די עלטסטע קולטור־מעלוכעס אין דער וועלט, וואָס האָט אַמאָל געשפּאַנט אין די פּעדער־שטערייען פון דער ציוויליזאַציע.

כינע —

דאָס אָרעמסטע און פאַרשקלאַפטסטע לאַנד אין דער וועלט, — דאָס לאַנד פון געפּלאָגטן קולי און ריקשע.

כינע —

דאָס לאַנד פון בלוטיקן בירגער־קריג, דאָס לאַנד פון סון־יאַט־סען, טשאַן־זאָ־לין, אופּייפו, פין־יו־סיאַן און אַנדערע שווער־קלינגענדיקע פאַר אונזער אויער נעמען, וואָס שוויבלען פאַר אונזערע אויגן פון די קליינע צייטונג־שורעלעך.

כינע —

דאָס לאַנד, מיט וועמען סע זיינען פאַרבונדן די אינטערעסן פונם זיך־צעפאַלנדיקן אַלוועלטלעכן אימ־פעריאַליזם.

כינע —

דאָס לאַנד, וואָס רירט אונז אָן מיט זעקס טויזנט קילאָמעטער ערד און מיטן מיטגעפיל פון זייַנע אופ־געוואַכטע מיליאָנען־מאַסן.

כינע —

דאָס לאַנד, וואָס גייט ניט אַראָפּ אַף איין טאָג פון די צייטונג־שפּאַלטן פון גאָר דער וועלט, —

וועגן דעמדאָזיקן לאַנד און זיין פאָלק, זיין לעבנ־שטייגער און אופוואַכונג דערציילט דאָסדאָזיקע ביכל.

דערציילט דעם אַרבעטער, וואָס וויל וויסן און פאַרשטיין, וואָס קומט פאָר דאָרט אינעם לאַנד, וואו סע הערן ניט אויף קיין שווערדן קלינגען.

דערציילט דעם טאַלמיד פון אונזער שול, וואָס וויל זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די געשעענישן אינעם וויטן סוידעספּוּלן לאַנד פון געלע פּענימער, קרומע אויגן און לאַנגע צעפּ, וואו אַלץ הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט „טש“, און „פּ“, און „כ“.

# 1. כינע און דער ראטנפארבאנד.

(געאָגראַפישער פארגלייך פון רעליעף און קלימאַט).

דער גרויסער סיבירער אייזנבאַן־וועג, וואָס שניידט איבער די ברייטע סיבירער שטרעקעס, פארבינדט רוסלאַנד מיט איר נאָענטסטן שאָכן אין אַזיע,—מיט כינע (קיטאַי).

כינע ליגט אין מיזרעך פונם אַזיאַטישן מאַטעריק, וועלכער ווערט באַוואַשן פון צוויי יאַמים, דעם כינעזישן און געלן. פון צאָפן און מאירעוו־זייט גרענעצט עס מיט סיביר און מיט אונזערע אנדערע אזיאטישע געגנטן אף א מעהאלעך פון העכער 6 טויזנט קילאָמעטר.

פון דאָרעם־זייט קומט כינע אין באַריר מיטן פראַנצויזישן אייגנלאַנד טאָן־קין, און ווייטער קיין מאירעוו־צו—מיט די ענגליש־אינדישע פראָווינצן — טיבעט און קאַשעמיר.

פאָליטיש באַשטייט כינע פון „אייגנטלעך־כינע" אָדער „אינעווייניק־כינע", וואָס פארנעמט דעם גרעסטן און צענטראַלן טייל פון לאַנד, און אייניקע אויסנווייניקסטע טערי־טאָריעס, ווי מאַנדזשוריע, טיבעט און מאָנגאָליע, וועלכע זיינען אין א געוויסער מאָס זעלבשטענדיק און אומאָפּהיינגיק פון „אייגנטלעך כינע". טיבעט און מאָנגאָליע, צום ביישפּיל, זיינען פאַקטיש אָפּגעטיילט פון כינע. די קאָנסטיטוציע אָבער פון דער כינעזישער רעפּובליק אנערקענט זיי פאר באַשטאַנד־טיילן פון כינע.

דער שעטעך פון כינע באַטרעפט העכער 11 מיליאָן קוו. קילאָמעטער (פון ראַטנפארבאַנד—21 מיליאָן).

און האַגאַם די טעריטאָריע פון כינע איז קימאַט צוויי מאָל קלענער פונם ראַטנפאַרבאַנד, איז די צאָל פון דער כינעזישער באַפעלקערונג מער, ווי דריי מאָל גרעסער פון דער באַפעלקערונג אין אונזער פאַרבאַנד: 440 מיליאָן מענטשן אין כינע אנקעגן 134 מיליאָן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דערפון איז שוין גאָר ניט שווער אויסצורעכענען, וויפל מאָל איז געדיכטער כינע באַזעצט פון אונזער פאַרבאַנד. רעכנט דאָס פּינקטלעך אומיסטן אויס.

נו, און וואָס פאַר א קלימאַט איז אין כינע? ווי ס׳באַוואוסט, ווענדט זיך דאָך אינם קלימאַט סיי דער כאַראַקטער פון די געוויקסן, סיי פון די באַלעכאַים, סיי פונם מענטשנס ווירטשאַפט.

וועגן קלימאַט פון כינע קאָן מען אַקוראַט אַזוי רעדן, ווי פונם קלימאַט פון ראַטן־פאַרבאַנד, ד. ה. אזוי ווי אין אונזער פאַרבאַנד איז פונם קלימאַט פון אַרכאַנגעלסק (אין צאָפן) ביז סעוואַסטאָפּאָל און באַטום (דאָרעם) א רעכטער פאָלג־מיך־א־גאַנג, פונקט אַזוי איז א קאָי־אָסאַלער כילעק צווישן קלימאַט פון מוקדען אָדער פּעקין (אין צאָפן) ביז צום קלימאַט פון קאַנטאָן אָדער גאָנקאָנג (אין דאָרעם).

דערדאָזיקער כילעק, סיי אין כינע, סיי בא אונז, נעמט זיך דערפון, וואָס ביידע לענדער זיינען מערידיאָנאַליש שטאַרק אויסגעצויגן, ביידע אף 30 גראַדוס אין דורכשניט פון צאָפן קיין דאָרעם. דערפאַר פאַרמאָגן זיי ביידע פאַרשיידענע קלימאַטישע, און דעריבער אויך געוויקסן־באַלעכאַיש־ווירטשאַפטלעכע גאַרטלען.

נאָר אין דער צייט, וואָס דער פאַרבאַנד הייבט זיך אָן לעבן דעם 70־טן גראַדוס צאָפן־ברייט און דערגייט עטוואָס דאָרעמדיקער פון 40 גראַדוס, הייבט זיך כינע אָן פון די 50־ער גראַדוסן אין צאָפן און פאַרגייט דאָרעמדיקער פון די 20־ער גראַדוסן.

דערפון איז געדרונגען, אַז האַגאַם סיי אין כינע, סיי אין פאַרבאַנד זיינען פאַראַן גאַנצע פאַסן מיט פאַרשיידענע קלימאַטן, זיי־

נען דידאָזיקע פאסן אָבער גאנץ אנדערע אין כינע און אַנ־דערע אין אונזער פארבאַנד.

בלויז אין דאָרעם־פארבאנד און אין צאָפן־כינע (בא די גראדוסן 40—50) פאלן זיי צונויף. נאָר אויך דאָ איז צווישן זיי א קאָלאסאַ־לער כילעק:

ווי סע באוואוסט, ווענדט זיך דער קלימאַט ניט בלויז אין דער געאָגראפישער ברייט, ד. ה. אין דער נאָענטקייט אדער ווייטקייט פונם עקוואַטאָר און פון די פאָלוסן, נאָר אויך אינם רעליעף פונם לאַנד: צי איז דאָס לאנד א פלאכס, צי א באַרגיקס, און ווי הויך דאָס איז איבערן יאַם־שפיגל. איז אין דעם פראט אויך א גוואַלדיקער כילעק צווישן כינע און אונזער פארבאַנד.

דער פּאַס פונם ערד־כיילעק, וואָס גייט דורך אין כינע און אין פארבאַנד, אונטער די אלגעמיינע פאר זיי גראדוסן 50—40 פון צאָפן־ברייט, איז אין כינע דורכשניטלעך אף א קי־לאָמעטר העכער, איידער ווי אין פאַרבאַנד, ד. ה., אַז די טיילן פון כינע, וואו די גרייס פון טאָג און נאַכט איז אַקוראַט אַזאַ, ווי אין די אנטשפּרעכיקע טיילן פון פארבאנד, און וואו די זון, הייסט עס, וואַרעמט אָן די ערד אין איין מאָס, איז פאָרט דער קלימאַט אַן אַנדערער, מאַכמעס איין לאַנד איז (דורכשניטלעך) אַף א ווערסט העכער פונם צווייטן.

דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט נאָך אַ ריי געאָגראפישע סיבעס (ווי די נאָענטקייט פון צאָפן־כינע צום קעלט־פּאָלוס און די נאָ־ענטקייט פון אייראָפּייאישן פאַרבאַנד־טייל צום וויכן מאַירעוור־קלימאַט), האָט געבראַכט דערצו, אז אין כארבין, וואָס ליגט קי־מאט אף איין ברייט מיט אונזער קרים, איז גאָר אַן אנדער קלי־מאַט. דאָסגלייכן איז דער קלימאט פון פעקין אַן אנדערער, איידער ווי אין באַקו אָדער נעאפּאָל, האגאם די גרייס פון טאָג און נאַכט אין פאַרלויף פון יאָר איז בא זיי קימאַט אַן אלציינע. אום ווינטער, בעאייס אין נעאפּאָל איז וואַרעם און סע שטייען דאָרט זוניקע, קימאַט זומערדיקע טעג, מאַכן זיך אין פעקין פרעסט.

זומער, דערהייפּען, זײַנען די היצן אין פּעקין אָפּטמאָל גרעסער, ווי אין געגנט פון נעאַפּאָל, מאכמעס אין איטאַליע ווירקט דער יאַם, וועלכער מאכט ווייכער, פייכטער דעם קלימאַט, און נידעריקער די טעמפּעראַטור.

כינע ליגט אינם גאַרטל, וואו סע בלאָזן די מ ו ס אָ נ ע ן־ו ו י נ ט ן. אזוי ווערן אָנגערופן די ווינטן, וואָס בלאָזן אום ווינטער פון דער יאבאָשע צום יאַם־צו, און אום זומער פון יאַם אַף דער יאבאָשע ארויף.

נאטירלעך, זײַנען די ווינטערדיקע ווינטן טרוקענע און די זומערדיקע (פונם יאַם)—אָנגעזעטיקט מיט פייכטקייט. דאָס האָט באזונדערס אַ גרויסע ווערט פאר דאָרעס־כינע ,וואו דער באָדן, וואָס באשטייט דעריקער פון רויט־ערד (לאטעריט), איז נ[illegible]א פרוכפּערדיקער. אדאנק אָבער די רייכע אָפּזאַצן, וואָס דע מוסאָן ברייגנט, און דער הויכער טעמפּעראטור, וואָס האלט דאָ אום זומער, גיט דער רויט־ערדישער באָדן זייער בעשעפעדיקע גערעטעני־שן. בעאייס די הויפּט-קולטורן אין צאָפן־כינע זײַנען דיזעלביקע, וואָס בא אונז אין אוקראינע: גערשטן און פּאפּשויעס (עטוואָס דאָרעמדיקער), זײַנען די וויכטיקסטע קולטור־געוויקסן פון דאָרעם, וואו ביימער גרינען אַ קיילעכיק יאָר,— ר יי ז, וועלכן מע כאָוועט אויס אין די טאָלן, ט יי און ב א וו ל (דעריקער אף די ברעגן פון יאנצזי און סיקיאנג, נאָר ערטערווייס אויך בא כואַנכע), צוקער־ראָר און זייד־בוים.

לויט דער פּראָדוקציע פון רייז פאַרנעמט כינע דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט. פונדעסטוועגן פירט דאָס נאָך אריין באַ אַ 30 מיליאָן פּוד פון אויסלאַנד, מאכמעס רייז אין כינע איז דעריקער־עסן בא דער באפעלקערונג, אקוראט ווי קאָרן און ווייץ אין אונזער פארבאנד.

אין פלאכלאנדישן צאָפן זײַנען די וועגן ברייט און באקוועם. דאָ פאָרן פורן אין פערד און אין קעמלען איינגעשפּאנט. אין אייזלען און מויל־אייזלען. אף די שמאָלע וועגן אָבער פון די דאָרעם־

כינעזישע בארג־שפאלטן און בארג־סטעזשקעס קאָן מען זיך באַ־וועגן בלויז רייטנדיק אַף אַ מויל־אייזל אָדער אַף פערד.

ווי מיר וויסן שוין, איז כינע דעריקער א באַרגיק לאנד. אי־בערהויפּט אין צענטער, אין מאירעוו און דאָרעם. וואָס מאירעוו־דיקער, זיינען די בערג אלץ העכער. דידאָזיקע בערג זיינען ערטערווייס רייך מיט קאָלערליי מינעריי: אייזן, קופער, גאָלד, זילבער, בליי, צין, איידלשטיינער, א. א. וו. ניט וויניקער רייך איז כינע מיט שטיין־זאלץ און שטיין־קוילן.

## 2. דאָס געלע און רויטע לאַנד.

פון מיזרעך־זייט שטעלט מיט זיך כינע פאָר א פּ ל א כ ל א נ ד, פון צוויי טייכן געשפּאַלטן: כ ו א נ כ ע (גאָאנגאָ) און י אַ נ צ ז י (יאנטסעקיאנג).ביידע טייכן הייבן זיך אָן העט־ווייט אין מאַי־רעוו אַף די טיבעטער בערג און פליסן ביידע קיין מיזרעך צום יאַם צו. באַ די מיטלסטע שטראָמען זייערע זיינען זיי גאנץ דער־ווייטערט איינער פונם צווייטן און אָפּגעטיילט צווישן זיך מיט באַרג־קייטן. באַם נידער־שטראָם גייען זיי זיך ווידער עטוואָס צונויף, און פאַלן ביידע אריין אין ג ע ל ן י אַ ם אַריין.

כואַנכע איז די טייטש — דער ג ע ל ע ר ט י י ך. אַזא נאָמען טראָגט ער איבערן קאָליר פון זיינע טריבע, געלע וואַסערן. דער־דאָזיקער קאָליר נעמט זיך פון דער פאַרב פון דער ערד באַ די ברעגן, צווישן וועלכע דער כואַנכע לויפט. דידאָזיקע שרויפיקע ברעגן, וועלכע ער צעוואשט און צעשטערט, באַשטייען פון זייער פרוכפּערדיקער געלער ערד אָדער ג ע ל ע ר ד (ליאָס), ווי פיל ערטער אין אוקראַינע (קיעוו, צ. ב.). זומער, בעשאַסן צעגיס, גייט ער ארויס פון די ברעגן, און אזוי ווי די אַרומיקע מעקוי־מעס זיינען ניט זעלטן נידעריקער פונם באברעגיקן פּאַס, פאַרפלייצט ער אָפּט געוויסע שעטעכער און מאכט אָן גרויזאמע כורבוינעס.

דעריבער באוואָרנט זיך די באַפעלקערונג מיט דאַמבעס, וואָס פארשטעלן דער וואַסער דעם וועג. ביז 60 טויזנט מענטשן זיינען פארנומען באַ דידאָזיקע דאַמבעס, באַם רייניקן זיי און פאריכטן.

דער געלער טייך איז זייער קאַפריז. ער האָט שוין א מאָל צען געביטן זיין געלעגער, און איטלעכס מאָל האָט דידאָזיקע בייַט זיינע גוואַלדיקע כורבוינעס אָנגעמאכט פרוכפערדיקע פעלדער פארטרונקען און, פאַרקערט, אַנדערע באַוואַסערטע טאָלן מיטאמאָל אויסגעטרוקנט און פאַראָרעמט. אין 1887 יאָר האט ער פארטרונקען 22 טויזנט קוו. קילאָמעטער און אומגעבראכט $1^1/_2$ מיליאָן מענטשן. אַדאיעם קאָן מען נאך זען דאָס אלטע בעט פון געלן טייך, וואָס ער האָט פארלאָזט אין 1851—1852 יאָר.

געל, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז ניט בלויז דער טייך, נאָר אויך די בערג, די וועגן, די פעלדער, אַפילו די הייזער, וואָס זיינען פון ליים. דעריבער פלעג מען אמאָל רופן דעם כינעזישן אימפעראטאָר, דעם „זון פון הימל״ — דער „געלער קייסער״, ד. ה. דער אויבערהאַר איבער דער געלער ערד.

דידאָזיקע געלע ערד פון צאָפן־כינע איז דער ברויט־אויצער פאר כינע. געלערד איז זייער א פרוכפערדיקער באָדן, מאַכמעס ער האָט אין זיך אַלע שפּייז־שטאָפן, אין וועלכע דאָס געוויקס נייטיקט זיך. כוצדעם לאָזט ער אין זיך טיף אַריין פייכטקייט.

דידאָזיקע געלעדישע מאסיוון (זיי דערגרייכן ביז 500—600 אַרשין די טיף) באַזאָרגן דעם כינעזער ניט בלויז מיט שפּייז, נאָר אויך אָפט מיט א וואוינונג. אין די פעסטע אָפגעריסענע ערדווענט גראָבט דער כינעזער היילן אויס, און ניט בלויז היילן, נאָר גאַנצע גאַלערייעס פון צימערן, גאַנצע געביידעס.

אין אַזעלכע וואוינונגען, וואַרעמע אום ווינטער און קילבלעכע אום זומער, וואוינען הונדערטער טויזנטער כינעזישע פויערים. דער דאָרעם־כינעזער אָבער וואוינט מערסטנטייל אין באַמבוק־הייזער — אין די שטעט און אין בלינדע אָנפענצטערדיקע לייַמענע הייזקעס — אין די דערפער.



א דורכפאָר-וועג אין געלערד (ליאָס)

די געלערדישע איבערפלאך איז אָפּט איינגעשניטן מיט טיפע און שמאָלע שפּאַלטן, צו 3—2 אַרשין א ערד־שפּאַלט. דידאָזיקע שפּאַלטן דינען אַלס וועגן פאר פורן און פוסגייער.

דאָרעם־כינע באַשטייט, דערהייפּעך, פון רויטלעכע, ציגל־קאָ־לירטע ערד־מאַסן און קאָן דעריבער גיכער אָנגערופן ווערן—דאָס רויטע לאַנד.

צאָפן־כינע איז מערסטנטייל פלאך. דער דאָרעם—באַרגיק, מיט ברייטע, טיפע טאָלן און אָפּגעריסענע בארג־ווענט.

דער צווייטער גרויסער כינעזישער טייך איז יאַנצזי—דער „בלוי־ער טייך" אָדער, ווי מע רופט אים אַנדערש — טאַקיאַן.

דאָס איז ווירקלעך א גרויסער טייך, דער פערטער לויט דער גרייס אין דער וועלט. (1—אַמאַזאָנקע אין אמעריקע, 2 — מיסיסיפּי—אויך אין אמעריקע, 3—נילוס אין אַפריקע). באַם אויס־גוס איז ער אזוי ברייט, אז מע זעט נִיט דעם צווייטן ברעג, גלייך ווי באַם יאַם. ערטערווייס סטאַרטשען פון טייך ארויס גראַ־ניטענע פעלזן, וועלכע דאָס וואסער האָט אין לויף פון דוירעס ניט געקאָנט בייקומען. אויך באם אויסגוס איז דער דנאָ פון יאַנצזי, ווי אויך פון געלן יאַם, אין וועלכן ער פאַלט אריין, פארזייט מיט אונטערערדישע זאמד־שוועלן, צווישן וועלכע ס׳געפינט דעם וועג בלויז א געניטער יאַם־שווימער.

יאַנצזי, כואנכע און נאָך איין טייך, וואָס פליסט צאָפנדיקער פון זיי — פייכאָ, — זיינען פאַרייניקט מיט א קינסטלעכן קאַנאַל, דער אזויגערופענער „אימפּעראַטאָרישער קאַנאַל", וועלכער האָט א געוויסע ווערט פאר דער אָרטיקער נאַוויגאַציע און האַנדל.

אין דאָרעם־כינע פליסט דורך דער דריטער גרויסער כינעזי־זישער טייך, סיקיאנג, וועלכער פאַלט אריין אין דאָרעם־כינעזישן יאַם אריין. פאַרן ארייפאַלן אין יאַם צעשפּליטערט ער זיך אף עטלעכע אָדערן. איינער פון דידאָזיקע אָדערן, באַ וועלכן ס׳שטייט די באַרימטע שטאָט ק אַ נ ט אָ ן, טראָגט דעם נאָמען — „פּערל־מוטערנער טייך".

# 3. די כינעזער.

כינע איז איינע פון די עלטסטע מעלוכעס אין דער וועלט, איינע פון די ערשטע, וואָס זיינען דערוואקסן צו א הויכער קול־טור דעמאָלט, ווען די אייראָפּייער האָבן נאָך געוואָגלט אין די וועלדער און געלעבט פון געיעג.

נאָר ביזן 13־טן יאָרהונדערט, ווען דער ווענעציאַנער רייזנדער מארקאָ פּאָלאָ האָט דאָרט 17 יאָר פארבראכט, האָט מען אין איי־ראָפּע קיין באַגריף ניט געהאט וועגן כינע.

דערנאָך האָבן זיך אהינצו א לאָז געטון די סאָחרים נאָך סכוירע און די קריסטלעכע מאגידים נאָך נעפאשעס. קעדיי צו זיכערן זיך דערפאָלג, זיינען זיי אהין אַראָפּגעקומען מיט געווער און האַרמאטן. האָבן זיי טאַקע די כינעזער געגעבן דעם וועג, און ביז דער מיט פון XIX יאָרהונדערט איז כינע דעריבער אומצוטריטלעך געווען פאר אייראָפּע. בלויז דער ושעדנער אימפּעריאַליזם פון די לעצטע צענדליקער יאָרן האָט באוויזן צו ברעכן די טויערן פון דער פארשלאָסענער מעלוכע. נאָר דערפאר האָבן זיך שוין איצט דאָרט די אויסלענדער באזעצט, ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

די כינעזער טיילן זיך שארף אָפּ פון די אייראָפּייער שוין מיט זייער אויסערלעכן אויסזען. א מיטעלער וואוקס, א שלאַנקער בוי־געוודיקער קערפּער, קיילעכיקע פּענימער, אַרויסגעשפּארטע באק־ביינער, קליינע באלאכסנדיקע אויגן, שוואַרצע האָר, האַרטע און גראָבע, א שיטער בערדל, לאַנגע אראָפּגעלאָזטע וואָנסן, די הויט־געל אָדער ליכטיק־ברוין.

די כינעזער קליידן זיך, געוויינלעך, אין א ברייטער בלויער קאָפטע אף א זייט געשפיליעט, אין א קליין שוואַרץ היטעלע און שיך אַף פּאַפּירענע פּאָדעשוועס.

פונפאָרנט גאָלן זיי דעם קאָפּ און פונהינטן פארלאָזן זיי זיך א צאָפּ. די קאָפטעס און צעפּ האָט מען אָנגעהויבן טראָגן פונם 17־טן יאָרהונדערט (1644), ווען ס׳איז געקומען צו דער מאַכט די

מאַנדזשורישע דינאַסטיע. פון זינט דער רעוואָלוציע האָט מען אָנ־געהויבן שערן די צעפּ, אלס א סימען, אז מ'איז פּאָטער געוואָרן פונם פרעמדן יאָך.

אין א רעגן טוט מען אָן א שטרויענעם קיטל און אַ הוט.

אום ווינטער טוט מען אָן עטלעכע כאַלאטן איינס אַף דאָס אַנדערע, די אָרעמעלייט טראָגן באַוולענע סכוירעס, די רייכע — זיידנס.



א כינעזער.

צום עסן דערלאנגט מען טכילעס פרוכטן, און דערנאָך דעם זופּ, — פּאַרקערט, ווי בא אונז. קיין ברויט און קיין וואַסער זעט מען ניט באם טיש. צום סאָף דערלאַנגט מען טיי, וועלכע מע פּאַר־קאָכט אין שיסל. קיין סאַמאָוואַרן איז אין כינע ניטאָ. טיי טרינקט מען אָן צוקער און אָן מילך.

נאָכן עסן וואשט מען זיך אָפּ דאָס פּאָנעם און מע נעמט רוי־כערן אָפּיום. דאָס איז א גיפטיקע פּאַרטרוקנטע זאַפט פון גאָרטן־מאָן, וועלכער וואקסט אין כינע און ווערט אויך אַריינגעפירט פון אינדיע. דאָס רויכערן אָפּיום איז פאַרשפרייט צווישן אלע קלאַסן

באַפּעלקערונג. געוויינטלעך רויכערט מען אויס א טרייבל א טאָג, נאָר ס'פּאַראַן ליבהאָבער, וואס רויכערן אויס ביז 8 טרייבלעך א טאָג. זיי האבן דערפון געקירצטע יאָרן: אין עטלעכע יאָר ארום שטאַרבן זיי דערפון.

די אָפּיום־טרייבלעך מאכט מען פון רויטער ליים, 3/4 אַרשין די לייגג. אין איין עק לייגט מען אריין א קיילעכל אָפּיום און מע ציט דורכן אַנדערן עק אריין דעם רויך. פאראן ספּעציעלע הייזער אין כינע צום רויכערן אָפּיום. טכילעס הייבט זיך דערפון אָן דרייען דער קאָפּ, דערנאָך פאַלט מען אריין אין א געשמאַקן צויבערדיקן כאָלעם־צושטאַנד, וואָס געדויערט א 5—4 שאָ. אָפּגעוויינען זיך פון אָפּיום איז שווער, דער מאָגן מאָנט אים שוין דערנאָך און דער מענטש פילט דערפון שרעקלעכע ווייטאָקן. דער, וואָס רויכערט אָפּיום, ווערט מיט דער צייט מאָגער, ווייניק ארבעטספייאיק און גלייכגילטיק צום אַרום, אף וועלכן ער קוקט מיט א טעמפּן קוק.

## 4. די הויפּט־פּאַרנאָסע.

די הויפּט־פּאַרנאָסע פון די כינעזער איז ערדאַרבעט. אין דאָרעם־כינע נעמט מען אראָפּ דריי גערעטענישן א יאָר. איין ווייצענע אום האַרבסט און 2 רייזענע אום זומער.

די ערד־נאַכלעס זיינע קליינינקע און ס'קומט אויס צו אַרבעטן מיט שוויס פון פּאָנעם, קעדיי דאָס לעבן־אויסקומעניש ארויס־צוקריגן. קומט אומיסטן א קוק טון אף א כינעזיש פעלד.

דער גאנצער טאָל פון טייך איז מיט וואַסער פאַרגאָסן. ניט פונם פרילינג־צעגיס. אינדערליינג און אינדערברייט איז דער טאָל מיט קאנאוועס איינגעשניטן. און ערד־אָנשיטן ציען זיך פּאזע לייגג פוןביידע זייטן קאנאוועס. טיילן די אָנשיטן דעם גאנצן פלאַך אף פירעקן, די פירעקן זיינען מיט וואסער פול. סטאַרטשען בלויז פון די זייטן די ערד־אָנשיטן. אַף דערדאָזיקער געקעסטל־טער, מיט וואַסער פארגאָסענער ערד דרייען זיך אַרום מענטשן.

מיט איינגעבויגענע פלייצעס שטייען זיי און גריבלען זיך מיט די הענט אין בלאָטע. אָן ראכמאָנעס בראָט זיי די זון. מאכנעס קאָ־מארן הייבן זיך אוף פון זומפ און בייסן אומדערבארעמדיק. איי־בערן טאָל שטייט א שווערער רייעך פון פוילעניש. און זאָל עס



רייז-פעלד

עמעצן אַרן! די מענטשן שטייען, אָטעמען מיט דער אומגעזונטער לופט און טוען זיך זייערס. ווער זיינען דידאָזיקע מענטשן און וואָס זוכן זיי אין די פוילע זומפן?

דאָס זיינען כינעזישע ערדאַרבעטער, און דאָס יעטן זיי אוים די מיסטגראָזן פון זייערע פעלדער. דידאָזיקע זומפן זיינען פאַר־זייטע פעלדער מיט רייז. אונזער ברויט איז קאָרן, ווייץ. און רייז איז דאָס ברויט פון די כינעזער, יאַפּאַנער, פערסיאַנער, אינדוסן. מער פון א העלפט מענטשן פון דער גאָרער וועלט שפייזן

זיך מיט רייז. אין אונזערע קאנטן קאָן קיין רייז ניט וואקסן. צופיל ווארעמקייט פאָדערט עס. גלייכצייטיק פאָדערט עס אסאך פייכטקייט. ביזן סאמע בליען מוז דאָס אין זומפּ, אין וואַסער וויקן. האָט מען דערמיט געניג צו טון. לעכאַטכילע פארפלייצט



פאראקער און באוואסער פון רייז-פעלד

מען דאָס פעלד מיט וואַסער און מע צעאַקערט דאָס פארפלייצטע פעלד ביז די קני אין וואסער. דערנאָך לאָזט מען די וואסער זאָל זיך איינזאפּן אין דער ערד, און אין אַ צייט ארום פארפלייצט מען און מע פאַראַקערט די פעלדער א צווייט מאָל. די איבערגעבלי־בענע וואַסער פירן די כינעזער אָפּ אַף א צווייט פעלד דורך ספּעציעלע רינוועס. ביכלאל זיינען זייערע פעלדער אויסגעשפּרייט טרעפּווייס: איין פעלד עטוואָס העכער פון צווייטן. קאָן מען לייכט אַראָפּלאָזן די וואַסער פון איין פעלד אַפן צווייטן. דערמיט פאר־שפּאָרן די כינעזער סיי אַרבעט, סיי וואַסער. מאכמעס איינע און די־זעלביקע וואסער גייט פונויבן אַראָפּ, פון פעלד צו פעלד. נאָכן אַקערן

פארזייען זיי די רייז אין דער זומפּיקער ערד און ווארטן אף אופגאנג. דערמיט איז נאָך די ארבעט ניט געענדיקט. מע דארף אכטונג געבן די גאַנצע צייט, צוויי דריטל פון רייז־שטייגל זאָל ווייקן אין וואַסער — אַניט איז דאָס גאנצע גערעטעניש פאַרפאלן. די שווערסטע אַרבעט איז דאָס יעטן. זעקס כאדאָשים געדויערט ביז די רייז געראָט. מוז מען די גאַנצע צייט אַרומדרייען זיך אין בלאָטע און יעטן די מיסטגראָזן. א שווערע אַרבעט. דערפאַר ווערט זי אָבער גוט באַלוינט. דער כינעזער באקומט פאַר זיין מי ביז 300 פוד פון א דעסיאַטין (וויפל אָבער בלייבט אים דערפון ?).

די טיי־פלאַנטאַציעס פלאַנצט מען אף טרוקענע בערג־שיפּו־אים. קעדיי דער טיי־קוסט זאָל וואָס מער בלעטער געבן, ברעכט מען אָפּ דעם מיטלסטן טייל שטאם. צעצווייגט זיך דער קוסט באַם סאַמע ווארצל אף אסאך בלעטער, אייביק גרינע בלעטער. די בלעטער רייסט מען דערנאָך אָפּ און מע טרוקנט זיי אף צעגליטע אייזערנע פאַנען. די אויסגעטרוקנטע בלעטער צערייבט מען מיט די הענט און מע קילט זיי אויס. דערנאָך לייגט מען זיי ווייטער אף די פאַנען. דאס מאַכט מען דורך עטלעכע מאָל, ביז פון 3 פונט בלעטער באַקומט מען 1 פונט טונקל־גרינע טיי. שוואַרצע טיי באַקומט מען אף אן אנדער אויפן: מע לאָזט אַראָפּ די בלעטער אף א האלבער מינוט אין זודיקער וואסער. דערנאָך טרוקנט מען זיי אף א בלעך.

דער באוול, וואס מע קולטיווירט אף די פעלדער, ווערט ניט זעלטן איבערגעאַרבעט אין געשפינס און געוועב טאַקע דאָ גופע, אין דער פויערשערווירטשאַפט. ביכלאַל זיינען צווישן די פויערים פאַרשפרייט פאַרשיידענע מעלאָכעס. און די באַלמעלאָכעס, וואס אין די שטעט, זיינען ניט ווייט אוועק פון די פויערים: זיי זיינען אויך קוסטאַרן, קליינפּראָדוצירער.

זייער פאַרשפּרייט איז די זייד־פּראָדוקציע. דאס אויסכאָוועון זייד־ווערים קאָן מען טרעפן קימאַט אין איטלעכער פויערשער פאַמיליע. די קאָקאָנעס שפינען זיי אליין אויס אָדער זיי פארקויפן זיי אין מארק די אָרטיקע באלמעלאָכעס.

# 5. גאַסן-שטייגער.

א גרויסער פוסטער פלאַץ, פאַרזייט מיט קוואָרים־בערגלעך און צעשאָטענע, פון צייט צעפוילטע טרומנעס, איבער וועלכע ס׳דרייען זיך אינדערלופטן שוואַרצע כמארעס שרייענדיקע רויב־פייגל.

אינמיטן פלאַץ — א גרויע אַלטע און בייזע טפיסע, אין פאַרזשאַווערטע גראטעס פאַרקאָוועט, מיט א הויכער וואנט ארומגערינגלט און מיט א שטינקענדיקן קאַנאַל ארום. עטוואָס ווייטער אפן האָריזאָנט שווארצן די ציין פון שטאָט־וואַנט, לויפן אין געלן



פעקינער שטאָט-וואַנט

טאָל די טריבע וואסערן פון וואן־פו, לאָזן זיך ווייט אוועק ליכטיקע הירזש־פעלדער, ווייטער פון שפּיצעכיקן טורעם פון דער פאגאָדע, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט שטיינערנע מענטשן־פיגורן, — די אוראַלטע קוואָרים פון א פירשטן־מישפּאָכע.

דורכן טויער פון דער צע־
קאַרבטער שטאָט־וואַנט זעט מען
פון יענער זייט גרובן לייגעכיקע
דאָרפישע פּאַנזעס (הייזער) מיט
טרעפּאַרטיקע דעכער.

און פון שטאָט־וואַנט אהערצו
צעצווייגט זיך די פּאַרפּלאָנטער־
טע נעץ פון כינעזישן שטאָט־
טייל. די געשליינגלטע געסעלעך
און ליקלעך שפּאַרן זיך אלע אָן
מיט איין עק אינם ווייסן טעמפּל.

און איבער דער ברייט פון די
געסלעך, קימאט סאמע איבערן
קאָפּ, איז צעהאַנגען אף לאַנגע
באמבוקענע שטעקלעך נאס וועש,
פון וועלכן ס'דערלאַנגט אין דער
נאָז אריין מיטן רייעך פון איינגע־
געסענעם שווייס און בייסיקן לויג.
און אונטערן צעהאנגענעם וועש
גייען זיך זייער וועג איינזאַמע
מענטשן, און ס'שפּרינגען איבער
שטיינער און גריבער די גומענע
רעדער פון ריקשעס.

אויסגעשריבן זיינען די ווייסע
טעמפּל־ווענט מיט שוואַרצע יע־
ראָגליף־צייכנס פונויבן ביז אראָפּ.
און די שאַרפּע ארופגעבויגענע
ווינקלען פון זייערע דעכער טיקן
זיך אין טונקל-בלויען פּאַרטאָגע־
דיקן הימל.



פּאגאָדע

ס'איז נאָך קיל און שטיל. פֿאַרטויבט און מאָנאָטאָניש הערט זיך דאָס פרימאָרגן־פויקן פון די הייליקע געבעט־פויקן, און אָפּט ציטערט אוף, צעצויגן און טרויעריק, דער גאָנג, ווי דאָס מאַכטלאָזע בינען־זשומען בא א האַרבסטיקן בינשטאָק.

פונדערווייטנס שלאָגן אָפּ פון צייט צו צייט די ווייכע טריט פון ריקשישע פּיאַטעס. פאלש קלינגען אָפּ אין דער באַנאַכט־פאַרטאָ־געדיקער קילקייט די איינזאַמע מעלאָדישע אויסגעשרייען פון די



א גאסן-קיך

גאַסן־הענדלער און באַלמעלאָכעס. אינמיטן גאַס באַם טעמפּל־וואַנט יאָמערט אף א קאָל אן אָרעמאַן א קאַליקע, וואס שטעלט אַרויס פאַר דורכגייער זיינע יאטרעדיקע מאקעס און רייסט מאמעש יעדן דורכגייער פאר די פיס. וואנדער־הינט דרייען זיך אויס אין א זייט פונם אָרעמאַנס אייזערן שיסעלע מיט די עטלעכע פאַרגרינטע מאטבייעס.

ס'איז נאָך ניט טאָג. גרויע שטיינער האבן זיך נאָך ניט אָפּגע־טיילט פון גרויען הימל. גייט שוין אין בלויען טונקל ארום א גאַסן־

קוכער מיט זיין וואנדער־קיך און קלאפּט מיט די ערדענע שיסעלעך,
און איבער דער גאַס צעשפּרייט זיך א שווערער רייעך און טשאַד
פון פאַסאָליעס־בוימל.



א פּראָפעסיאָנעלער בעטלער

דער פאַרשלאָפענער כינעזישער פּאָליציימאַן, א הויכער און
א דארער, אין א ברייטן סאָלדאטן־שינעל, מיט דער ביקס הינטער

דער פלייצע, איז ענלעך צו א גאָרטן־שרעק. ער הערט ניט אוף צו שפייען זיך אונטער די פיס און באוועגט בייז די שיטערע וואָנסעלעך.

דערזעען דעם קוכער, שטעלט ער אים אָפּ און לאָזט אריין אלע פינף אין קעסל אריין מיט די קנישעס. דער קוכער העלפט אים, דערלאַנגט אים א שיסעלע, ווישט דאס אויס, דערציילט דעם קוינע א מאַיסע. און יענער שלינגט זשעדנע די הייסע קנישעס, בלאָזט זיי אויס און ווארפט זיי פון איין האנט אין דער צווייטער.

סע שאַריעט.

פון הינטערן טעמפל שווימט גרויסאַרטיק ארויס די זון. צע־שמייכלט זיך א שטראַל איבערן קויטיקן וועש, טוט זיך א גליטש איבער די העכערע שטאָקן, שלאָגט זיך אָפּ פון די הויכע בלינדע פענצטער און באווייזט זיך נאך ניט אומקוקן, — פינקלט שוין פון יעדער ווינקעלע, און א גאָלד־שטויב עסט שוין די אויגן.

אין א קאַבצאָניש קלייטל מיט צעעפנטע טירן זיצט א מיידעלע אין בונטע ציצענע הייזלעך און שפאלט מיט א גרויסן מעסער א שייטל האָלץ. לעבן איר פיקט א דארע הון, ס׳וואָרעמט זיך אן אָפּגע־קראָכן קעצל און א פליכע אלטיטשקע קראַצט זיך געשמאק די פוס.

אף לייכטע באמבוקענע רעשטאָוואַניעס פאָרען זיך שוין די הוילע קערפערס פון קוליס. זיי זיינען איינגעבויגן אונטער דער לאַסט פון ציגל, שטיינער, פרענטעס אייזן און זעק בעטאָן און זאַמד.

אין העל־בלויען מאָרגנפרי רייסן זיך שאַרף אַריין די הודקעס פון די פאבריקן און, ווי פון בייטשן־פייף געטריבן, איילט אין שוואַרצן פיסק פון פאַבריק־טויער א דערשראָקענע, נאַקעטע מאַכנע פון ברוינלייביקע קנעכט.

די שטאָט לעבט אוף.

פון די ליימענע פאנזעס, פון די שווארצע שטינקענדיקע ראָיעס, פון אלע לעכער און באהעלטענישן קריכן אַרויס האלב־

נאַקעטע מענטשן, איילן, יאָגן זיך איבעראַנאַנד, מאַכן מיט די הענט, שרייען אויס מיט גאָרגלדיקע קלאַנגען איינטראפּיקע פראַזן, און אין דער הייסער לופט פון אופגעוואַכטן טאָג הילכט דאָס איינטאָניק געבעט־געשריי, דער פיל־טויזנטיקער זיפץ פון קוליס.

— כע־אַ־כאָ... כע־א־כאָ...

זיי הייבן זיך אף די סקריפּענדיקע רעשטאָוואַניעס, לאָזן זיך אַראָפּ אין די טיפענישן פון די שאַכטעס, דראַפּען זיך אף אלע פיר אונטער דער לאַסט פון פּעק, און זייער מאָנאָטאָנישער קרעכץ טראָגט זיך איבער שטאָט און גאַסן, ווי א גרוילעכע דערמאָנונג...

א טאָג שטייט אוף א הייסער, א דושנער, אָן א מינדסט ווינטל. די הייזער־ווענט זיינען אָנגעגליט ווי פּאַנען. שווער אָטעמט זיך דידאָזיקע הייסע, ווי אין באָד, לופט.

אין די מאַגאַזינען און קאָנטאָרן הודזשען אָן אָפּרו די עלעקטרישע פּאָכערס און ווענטילאַטאָרס, און די אייראָפּייער און פאַרמעגלעכע כינעזער האַלטן זיך אין איין ווישן מיט לאַנגע האָריקע האַנטעכער אנשטאט נאָזטיכלעך.

אין די גאַסן וואַלגערן זיך און לויפן אום הוילע כינעזישע קינדער. צוזאַמען מיט די הינט און בעטלערס גראָבן זיי זיך אין די מיסט־הויפנס, וואַרפן זיך גערן ארוף אף יעדער ברעקל עסנוואַרג און רייסן זיך איבער דעם. זייערע דאַרע געלע פּענימלעך שפּיגלען דאָך אָפּ די שפּיל פון פרייד און זאָרגלאָזיקייט. די שוואַרצע איילבירט־אייגעלעך קוקן זיך נייגעריק איין אין אַלץ, טאַפּן אַלץ ארום, מעסטן אָן... די דרייסטערע פון זיי, דערזעענדיק א אייראָפּייער, פאַרלויפן זיי אים דעם וועג, „מאַכן אים אונטערן דאַשעק" (גיבן אָפּ „טשעסט") און, כאַפּנדיק אים פאַר די פיס, פאַר די קני, זינגען זיי אויס אַלע פאַר אמאָל די איינציקע איינגלישע פראַזע, וואָס זיי ווייסן:

— מאַסטער, גיוו מיר קאָפּער!..

פירן געסלעך און ליקלעך פון טעמפּל צום קאַנאַל מיט די איבערגעצויגענע איבער אים האַלב־צעפוילטע בריקלעך. איבערן

קאַנאַל קריכן פּאַמעלעך ברייטע אומגעלומפּערטע דזשאָנקעס (שיפלעך).

פון יענער זייט קאַנאַל, אויף א ברייטן פּלאַץ, מיט איינשטאָקיקע בלינדע, אָנפּענצטערדיקע הייזלעך ארומגערינגלט פון אלע זייטן, האָט זיך אויסגעצויגן דער כינעזישער מאַרק. שטעלן און מאַרקטישלעך אָן א שיור, מיט שפּייז־פּראָדוקטן, אויפּעס, געפּעס, גאַלאַנטעריי און לוקסוס־זאַכן. און טאַקע דאָ אין גאַס קאָכט מען און



א גאַסן־דאָקטער

מע פּרעגלט אין די גאַס־קיכן, פון וועלכע דער רייעך טראָגט אויף א מייל, און טאַקע אָט אָ דאָ אין גאַס אַרבעטן די גאָלערס, די צייןהײלערס, קישעפמאַכערס און גוירל־זאָגערס, שוסטערס און שניידערס, און דער מאַרק ברויזט מיט אוילעם. און אויף די פיש־שטעלן פינקלען אַנקעגן דער זון און טיקן זיך אין העלרויט בלוט טונקל־גרינע העכט מיט אויסגעשפּאַרטע בייכער, גאָלד־רויזע קאַרפּן, פלאַ־

טשיקע קאמבאלעס, גליטשיקע קרעפּסן, שפּינעץ, פּרעש און קאָ־
פּעקלעך, און אינמיטן גאַס גייט דער שערער און קלינגט אין דער
קופּערנער טאַץ. דאָס רופט ער קליענטן.



א גאַסן־שערער

אף א קרעמיסל טראָגט דער שערער צוויי הילצערנע אומגע־פאַרבטע קעסטעלעך מיט אלע מאַכשירים פון דער כינעזישער קאָס־מעטיק. און איבער דעם אַקסל אף א שטריקל הייגגען צוויי קופּערנע פּארגרינטע טאַצן: א קלענערער פונפּאָרנט אף דער ברוסט, א גרע־סער פונהינטן אף דער פּלייצע... באקומט ער א קליענט, שטעלט ער זיך אָפּ גאָלן אָט דאָ אין גאַס.

אָט דאָ שטעלט מען באנקעס, לאָזט מען צו דער אָדער, און שוואַרצע שטרעמלעך בלוט צערינען זיך איבער ברוסט און פּלייצע, צוציענדיק נייגעריקן אוילעם...

און אז גאָט העלפט און ס'מאַכן זיך עטלעכע קוינים, אַרבעט דער שערער־פעלשער־דאָקטער אף אלע קיילים: שלעפּט די פּאר־בלוטיקטע שפּילקע פון איין כוילעס לייב און שטעקט דאָס גלייך אריין א צווייטן... בא א דריטן רייסט ער ארויס א צאָן, היילט די אויגן און באַשמירט יאַטרעדיקע וואונדן...

און אינמיטן גאַס אנקעגן זיצן עטלעכע קולים, וואָס האָבן פאר־דינט א פּאָר קופּערנע מאַטבייעס, בא א שוואַרצן טיש פון א גאַסן־קיך און עסן מיט צוויי שטעקעלעך, אנשטאט א גאָפּל, א געקעכטס פון רייז מיט פיש און פארטרינקען עס מיט א גלעזל גרינער טיי.

און בא דער זייט גייען דורך אַרבעטלאָזע הונגעריקע קולים און באַלעקן זיך, קוקנדיק אף די „מאגנאטן"...

באם אריינגאַנג אין טראַקטיר שפּילט אן אַלטער בעטלער אף א הודזינע און א קרעציק אינגעלע ציט אונטער. און אפן ראָג קריגן זיך צוויי ריקשעס איבער א פּאַסאזשיר, וועלכן זיי האָבןביידע דורכגעלאָזט.

און די קוילעס און קלאנגען: פונם שערערס טאַצן, פון א דורכגעפּאָרענער פור, פון די גייערס שטימען, פון די קרעמערס אויסרופן, פון דער הודזינעס שפּילן, פון א כינעזישן אָרקעסטער, וואָס שפּילט אַף א לעוואַיע אין א זייטיקער גאַס, — די אלע קלאַנ־גען וואקסן אָן, יאָגן איבער איינער דעם אַנדערן און ווערן צע־

שאָטן אינדערוווייטן, ווי אן ערדענער טאָפּ אף א אייזערנעם בלאט, ווי יאם־גאלקעס באם ברעג אין דער צייט פון כוואַליעס־שלאָג...

אין די פייגל־רייען גייען ארום כינעזישע פראַנטן מיט שטייג־לעך, פארדעקטע פון דער זונענשיין מיט שווארץ געוואַנט, און האַנדלען און בייטן איין פויגל אף א צווייטן. און פון די שטייג־לעך, וואָס הייגען איבער די קראָמען, פאלט איבער די קעפּ פון די קוינים, וואָס איינגען זיך, פייגלשע צויע, און א שווערער רייעך קיצלט אין נאָז.

פון די פלייש־שטעלן און פייגל־קראָמען פאַלסטו גלייך אריין צו די גאָלדשמידס. זייערע קלייטן ציען זיך איןביידע זייטן פון איין שמאָל געסל. גאָלד, זילבער און איידלשטיינער, גראציעזע זאַכן פון צארט־גרינעם נעפריט, דורכזיכטיק־רויזיקן אגאט און העלפאַנטביין, הילצערנע אָפּגעגילטע בודאַ׳ס, וואַזעס מיט אויס־געמאָלטע דראַקאָנעס און כינעזערנס.

כינעזישע פראנטיכעס באלעגערן די קראָמען און שטעלן. מעסטן פינגערלעך, אוירינגלעך, האלזבאנדן, בראסלעטן און שפּילקעס, קומען אין היספאילעס און ווערן אנטציקט, פישטשען און קוויטשען, לאכן און קאָקעטירן מיט די קרעמער און אָנגעשטעלטע. און מיט אָנגעשטעלטע איז יעדער קלייט פול (זיי קריגן אַ גראָשן־געהאלט). איינער דערלאנגט אַ ביינקל, אַ צווייטער ווישט אָפּ דעם שטויב פון דער סכוירע, אַ דריטער דערלאנגט טיי— יעדן קוינע באדינען עטלעכע מענטשן.

אין דער צווייטער קלייט פון שטאָף זינגט אן אָנגעשטעלטער מיט האלב־פארמאכטע אויגן א איינאַרטיקע מיזראָכישע מעלאָדיע, וואָס דערמאנט, ווי מע לייענט די טוירע אין שול. און אַ צווייטער לייגט איבער אַ בארג סכוירע, זיידנס, סאטין און בומאַזייע פון אלערליי קאָלירן. א דריטער ווייזט דעם קוינע אַ שטיקל סכוירע, פּרואווט די פעסטקייט אירע. און ארום די קליידער־קלייטן קלייבן זיך אַרבעטלאָזע קוליס, פּויערים און פויערטעס פון די דערפער, און מע שאַצט, און מ ע ר ע ד ט וועגן סכוירע.

אָט גייט מיט גיכע טריט, שאָרכנדיק מיט די קליינע דעפּאָר־
מירטע פיסלעך, אַ כינעזערן, און הינטער איר, האלטנדיק זיך מיט



אַ כינעזערן.

די הענטלעך בא אירע אטלעסענע הויזן, שלעפּט זיך נאָך אַ כאָפּטע
שמוציקע קינדערלעך מיט פארשווארצטע הינטנס.

זעלטן־וועו סע שמייכלט אַרויס פון אוילעם אַ שיין פּענעמל פון אַ יונגער כינעזערן מיט שווארצע, ווי קוילן, טרויעריק־פּאר־קלערטע אויגן און מיט צוגעפּארבטע בויגנפאָרמיקע ברעמען, אין אַ בונט־זיידן רעקעלע און אין רויזיקע הויזן, אַ פרישינקע און אַ אונטערגעפּארבטע, ווי אַ „קאַרטינקע”.

און צווישן אוילעם רייבט זיך דורך אַ יונגער מאָנאַך מיט אַ אופגעהאנגענעם פויק אפן האַלז, אין וועלכן ער קלאפט מיט



מע שפּילט טעאַטער

אַ שטעקעלע, און זיינע שארפע אויגן גליטשן זיך איבערן פאר־בייגייענדיקן אוילעם. פרויען פארפאמעלעכן די טריט, פארוקן די הענט אונטער די יאקלעך און ווארפן אריין אַ מאטבייע אין דער אונטערגעשטעלטער קאַרע.

און אין סאמע מיט פון מארק גייט אַ קאָנצערט און אַ פאָר־שטעלונג. אַ גאסן־זינגערן צעגייט זיך אף אלע קיילים און אן

אלטער אקאָמפּאנירט איר אף אַ הודזינע. אין אַ צווייט אָרט רופן קונצנמאכערס צונויף דעם עולם מיט אַ גאָנג. און נאָך ווייטער גייט אַ פאָרשטעלונג פון וואנדער־אקטיאָרן. אין פארביקע היסטאָרישע קאָסטיומען מיט בונט־צעמאליעוועטע פּענימער מאָלן זיי אויס מאנדארינען און קייסאָרים, געטער און גייסטער, גוטע און בייזע, שיידים און רוכעס. און דער עולם איז פארקאָכט און לעבט מיט אימפּעט איבער דאָס, וואָס ס'קומט פאָר אף דער סצענע, אוןווארפט לעבעדיקע מאטבייעס אין די קופּערנע טעצלעך.



כינעזישע מאטבייעס מיט פּירעקעכיקע לעכלעך אינדערמיט, צום אָנסילען זיי אף פּעדים.

בא די גרויע טויערן פון כינעזישן טעמפּל (פּאגאָדע) זיצט לעבן אַ פּירעקעכיקן טיש מיט רויטן—מ'יט גאָלד אויסגענייטן—זייד געדעקט אַ הויכער, בלייכער כינעזער, אין אַ בלויען קיטל מיט רויטע קאַנטן, אין א זעקסעקעכיק היטעלע—דאָס איז אַ טרעפער. ערווארט אף קליענטן.

אַפן טיש זעט איר זיינע מאכשירים: אַ פושקע פון שווארץ האָלץ מיט טוש, אַ האלב טוץ פּענזלעך דיקע און דינע, אַ הייפעלע מעגילעס מיט שווארצע צייכנס, אַ פּאָר שטייגלעך מיט ווייסע מייז און קאנאריקלעך. דעם טרעפער רינגלען ארום כינעזערנס, כינעזער און קינדער. אַ כינעזערן שטייט הארט באם טיש, זי האָט ערשט ארויסגעלייגט אַ קופּערנעם קאָפּער, און אצינד קוקט

זי מיט הארצקלאפעניש, ווי דאָס ווייסע מייזל און דערנאָך דער קאנאריק שלעפן ארויס פון די מעגילעס די שליסל פון איר פאר־באָרגענעם גוירל. דער טרעפער נעמט דערנאָך די ארויסגעצויגענע מעגילעס, רוקט אָן די ברילן אף דער נאָז, פארגלייכט די צייכנס און פירט דערנאָך אויס מיט א טוץ שיינע קיילעכיקע יעראָגליפן דעם ענטפער פון די געטער וועגן גוירל פון דער פרוי. דער אוילעם קוקט מיט אכטונג, מיט פארהאלטענעם אָטעם.



דער טרעפער.

זי גייט אָפ. שטופט זיך צו צום טיש אַ צווייטע מיט אַ מאַט־בייע אין די צונויפגעפרעסטע פינגער, ביז סע דערהערט זיך אַ קלינג אין גאַנג און דער פויקן־קלאפ פון די מאָנאכן, וואָס דאַ־ווענען אין טעמפל.

אין טעמפל פון דער „ליטזעליקער געטן" איז קיל און טונקל. אין צענטר שמייכלט אַ קאָלאָסאַלע בודא־סטאטוע מיט צונויפ־



אין טעמפּל



בודא-סטאטוע

געלייגטע הענט אפן נאקעטן בויך. מיטן פרישן גינגאָלד, וואָס אף אים, טיילט ער זיך אויס צווישן די מייעס פּארלאָזטע, פאַר־שטויבטע הילצערנע געטער, וועלכע רינגלען אים ארום. הינטער אים האָט די געטן פון לייטזעליקייט אויסגעשטרעקט א טויך הענט, מיט וועלכע זי בענטשט קלאָמערשט דעם אוילעם. לעם איר רויכערן זיך אין קיילים מיט זאמד הונדערטער „שיו" — שוועבלנע ליכט, וואָס פאַרשפּרייטן אַ בייסיקן רויך ארום און ארום. אלע ווײַלע גייט אריין אַ כינעזערן און צינדט אָנ אַ ליכט, וואָס זי האָט ערשט בא אַ מאָנאַך געקויפט. דערביי פאַלט זי אף די קני און שלאָגט זיך (מיט כעסעד) מיטן קאָפּ אין דער ערד... קיין מאנסבלען זעט מען קימאט ניט, אכוץ די מאָנאַכן, דאָרט אין דער טיף צווישן די געטער, וואָס האלטן אין איין פויקן. אין טעמפּל־הויף רויכערט זיך אַ מיזבייעך, אַף וועלכן די מיספּאלעלים ווארפן קוויטלעך פון באזילבערט פּאפּיר, און בא דער זייט שטייט אַ הילצערן קעסטל מיט א לאָך אף אריינצוואווארפן אַ נעדאָווע פאר גאָטס דינער.

# 6. הויז און פאַמיליע.

די כינעזישע פאַמיליעס זיינען גרויסע. „אַסאַך מישפּאָכע" רעכנט זיך בא די כינעזער פאַר_ א בראָכע פון דעם, וואָס לעבט אייביק. די אויסגעגעבענע זין פאַרבלייבן מיט זייערע ווייבער און קינדער באַם טאַטן, קאָלזמאַן ער לעבט. נאָר די אויסגעגעבענע טעכטער גייען איבער צום שווער אין הויז.

די מאַכט פונם פאָטער און מאן אין דער כינעזישער פאַמיליע איז א אומבאגרענעצטע. נאָכן פאָטערס טויט גייט איבער די הערשאפט אין דער פאַמיליע צום עלטסטן זון. נאָר אויך נאָך זיין טויט ווייזט די מישפּאָכע אַרויס קאָלערליי סימאָנים פון אַכטונג צום פאַר־שטאָרבענעם, וועמעס גייסט סע פאַרבלייבט אין הויז, לויט זייער גלויבן, קעדיי אָפּצוהיטן די מישפּאָכע פון אלדאָס בייז.

א קאַלע פאַרן זון קלייבט אויס די גאַנצע מישפּאָכע און דער פֿאָטער אַליין פאַרקנאַסט זיי. קיין שום גייסטלעכע, ווי בא אַנדערע פעלקער (דער ראָוו, דער גאַלעך), באַטייליקן זיך בא דערבײַ ניט. די פאַרמעגלעכע כינעזער האָבן ניט זעלטן צו עט־לעכע ווייבער, נאָר בלויז איינע פון זיי, די ערשטע, איז פאַ־רעכנט לויטן דין פאַר א פולבארעכטיקטער. די איבעריקע זיינען קעפסווייבער.

אין די רייכע פאַמיליעס פאַרנעמען זיך די פרויען גאַנצע טעג מיט זייער טואַלעט, וויזיטן, טרינקען טיי און רויכערן. אין דער פויערשער פאַמיליע טראָגט אַף זיך די פרוי דעם שווערסטן אַרבעט־יאָך אין שטוב און אין פעלד. ניט זעלטן שפּאַנט מען זי איין אין פורל צוזאַמען מיט אן אייזל. דערבײַ טאָר זי ניט זיצן באַ איין טיש מיטן מאַן און אפילע מיט די זין. זי מעג זיי נאָר אונ־טערטראָגן, באַדינען.

רייכע הייזער זיינען געבויט פון געלע ציגל. דאָס הויז טיילט זיך אַף עטלעכע טיילן. אין ערשטן נעמט מען אוף געסט. דאָרט וואוינט אויך די דינערשאַפט. אין צווייטן פאַרברענגט מען. אין דריטן וואוינען די פרויען און קינדער. די דירעס זיינען אָן דילן.

דאָס בעט איז א מין שטיינערנע עסטראַדע העכער אַף א 1/2 אַרשין פון דיל און ווערט באַהייצט פונוטן מיט שטיינקוילן. די צימערן זיינען אָפּגעטיילט איינס פונם אַנדערן מיט פיין־געשניצטע הילצערנע זיילעכלעך.

אַנקעגן אַריינגאַנג געפינט זיך א הילצערנער, רייך געפּוצטער, מיט זיידענע קישעלעך אויסגעבעטער דיוואַן. דאָס איבעריקע מעבל באַשטייט פון קאָלערליי טישעלעך און עטאַזשערקעס, אַף וועלכע ס׳זיינען אויסגעשטעלט קאָלערליי שטיינערנע און בראָנזענע צאַצ־קעס. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט אַלטמאָדישע טייערע גאַרדינען.

אַזוי וואוינען, פאַרשטייט זיך, די אויבערשטע צען טויזנט. די מאַסן וואוינען אין שמוציקע ליימענע כאַלופּעס, אין וועלכע ס׳געפינט זיך קיין שום מעבל ניט, אַכוץ עטלעכע ראָגאָזשעס. נאָר

אַכוצדעם זיינען די כינעזישע שטעט, באַזונדערס בײַ די טײַכן, אַף אַזויפיל איבערפולט מיט איינוואוינער, אַז טויזנטער אַרבע־טער און גלאַט קאַבצאָנים וואוינען אַף פּליִיצן, לייַנגויס דעם טײַך.

אַזעלכע טײַך־וואוינונגען באַגעגנט מען אין פאַרשיידענע געגנטן פון כינע בײַ די טײַכן, דעריקער אַפן יאַנצזי. גאַנצע דורות ווערן דאָ געבוירן, וואַקסן אויס, קומען דורך דאָס לעבן און



קאַבצאָנישע וואוינונגען אַפן וואַסער.

שטאַרבן אַפן וואַסער, אַף די פּליִיצן און שיפלעך, ספּעציעלע וואוין־שיפלעך. קיין שום איראָפּייער וואָלט ניט איבערגעטראָגן דאָס איינגשאַפּס, אָרעמקייט און שמוץ פון דידאָזיקע וואוינונגען, וואו ס׳וואַלגערן זיך טויזנטער נעפּאַשעס. דידאָזיקע שיפלעך זיינען א אנדערהאַלבן צוויי קלאַפטער די לייַנג. אינדערמיט געפינט זיך א געצעלט מיט א שטרויענעם דאַך.

לאָמיר כאַפּן אַ קוק אַף איין וואוינונג אזא. דאָרט וואוינט אַ מישפּאָכע פון א מאן און פרוי מיט א עלטערן זון, וואָס האָט שוין אויך א פרוי מיט צוויי פּיצלעך קינדער. אַכוץ דערדאָזיקער מישפּאָכע געפינט זיך נאָך אין שיפל א כאזער, וואָס זיי האָדעווען אויס. דאָס קלענסטע אייניקל, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן גיין, איז צוגעבונדן בא א פוס צום שיפל, קעדיי טאָמער וועט ער אַרויספאלן אין וואסער אַריין, זאָל מען אים קאָנען גלייך אופהייבן צוריק.

שוין א יאָר פינף און צוואַנציק זינט זיי וואוינען אין דעם שיפל, זינט דער אלטער האָט כאסענע געהאט און אהערצו זיין ווייב געבראכט. דאָס ווייב אליין איז פון א צווייט שיפל. קיין ברעג־פרוי וועט דאָך ניט כאסענע האָבן מיט קיין קאבצן פונם וואסער. זייער גאנץ לעבן וואוינען זיי אַף דעם איינוניינציקן שיפל. דאָ זיינען בא זיי קינדער געבוירן געוואָרן, דאָ האָבן זיי זייערע טעכטער אויסגעגעבן פאר יאטן פון אנדערע שיפלעך, און אצינד איז בא זיי געבליבן איין זון, אַף וועמען זיי פארהאָפן, אז ער וועט זיי אַף דער עלטער ניט פארלאָזן. צום איינגשאפט זיינען זיי שוין אזוי געוועץ צוגעוואוינט, אז זיי פלעגן שאָענוויס אָפשטיין מיט אונטערגעבויגענע פיס, און ס'האָט זיי קנאפּ וואָס געארט.

## 7. באפעלקער-געדיכטקייט.

פון די 11 מיליאָן קוו. קילאָמעטער, וואָס גרויס־כינע פארנעמט, קומט אָן אפן כיילעק פון „אייגנטלעך כינע" בלויז 4 מיליאָן, ד. ה., עטוואָס מער פון א דריטלכיילעק.

אינם דאָזיקן דריטלכיילעק אָבער פון כינע לעבן העכער 90% פון דער גאנצער כינעזישער באפעלקערונג!

דאָס איז דערפאר, ווייל די אַרומיקע ראנד־לענדער זיינען מערסטנטייל אָדער מידבערשע, ווי, צום ביישפּיל, מאָנגאָליע,




די פּראָווינצן פון אייגנטלעך כינע.

וואוהין ס׳גייט אריין דער גרויסער מידבער ג אָ ב י (ש א מ אָ), אָדער שטארק בארגיק, ווי ט י ב ע ט.

דערפון קאָנט איר מאכן נאָך איין ווייטערדיקן אויספיר, ווי ווייט געדיכט די באפעלקערונג איז אין כינע, אויב 90% זיינען קאָנצענטרירט אף א דריטכיילעק פון דער טעריטאָריע.

דאָסדאָזיקע „אייגנטלעך־כינע״ אָדער, ווי מע רופט דאָס אַנ־דערש—די „מ י ט ל ־ מ ע ל ו כ ע״, אָדער נאָך אַנדערש—דאָס „הינ־ט ע ר וו ע נ ט י ש ־ כ י נ ע״, מאַכמעס פון צאָפן־זייט איז דאָס אָפּ־געצוימט מיט א לאנגער וואנט פון עטלעכע טויזנט קילאָמעטר די ליינג,—איז צעטיילט אף 18 פראָווינצן, מיט וועלכע איר דארפט זיך באקענען [illegible] דער הילף פון דער מאפע), אויב אירווילט פארשטיין [illegible] זיך ווי ס׳ניט איז פאנאנדערקלייבן אינם גאנג פון די געשעענישן אינם דאָזיקן לאנד. (זע די ביילאגע צום סאָף ביכל).

פארשטייט זיך, אז אויך מיטל־כינע איז ניט גלייכמאָסיק באַ־זעצט. די אונטנגעבראכטע טאבעלע פון דער באפעלקערונג־גע־דיכטקייט אין די 5 צאָפנדיקע פראָווינצן פון מיטל־כינע באווייזן אויך די סיבע דערפון. מיר האָבן זיי אויסגעשטעלט (אכוץ טשילי) אין דער ריי פון מיזרעך קיין מאַירעוו.

אינטערעסאנט איז נאָכצושפירן, ווי ס׳ענדערט זיך אין דערדאָזיקער ריכטונג די געדיכטקייט פון דער באפעלקרונג.

## באַפעלקערונג־געדיכטקייט אין 5 צאָפנדיקע פראָווינצן פון כינע:

| [illegible] | שאן־דון | טשילי | שאנסי | שען־סי | גאן־סו | [illegible] |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | 550 | 294 | 134 | 125 | 47 | |



די גרויסע כינעזישע וואַנט, וואָס איז אויסגעבויט מיט 2000 יאָר צוריק, אַלס אַ באַוואָרעניש פון די צאָפּנדיקע נאָמאַדן.

די סיבעס:

פון מיזרעך קיין מאַירעוו איז: 1) אלץ ווייטער פון יאַם.
2) אלץ טרוקענער, סטעפּישער דער קלימאַט.
3) אלץ בארגישער דאָס אָרט.

פון די איבעריקע פּראָווינצן זיינען געדיכט באפעלקערט די דאָרעמדיקע פּראָווינץ גואַנדון (קאַנטאָן) מיט 100 מאן אף אַ קוו. מייל, די פּראָווינץ סיטשואן באַם טייך יאנצזי מיט 218 מאן אף א קוו. מייל און יון־נאן—מיט 146 מאן.

די איבעריקע פּראָווינצן פארמאָגן פון 30 ביז 80 מענטשן אף א קוו. מייל (מער פון דריטהאלבן קוו. קילאָמעטר). דאָס הייסט שוין אין כינע א שיטערע באפעלקערונג.

קעדיי צו פארשטיין די ווערט פון דידאָזיקע ציפער, איז גענוג צו דערמאָנען, אז 30 מענטשן אף א קוו. מייל איז אנערעך די דורכשניטלעכע געדיכטקייט פון אונזער גאנצן פארבאנד, און 80 מענטשן אף א קוו. מייל איז אנערעך די דורכשניטלעכע געדיכטקייט פון דער אייראָפּייאישער טייל פון אונזער פארבאנד.

# 8. די „בליענדיקע מעלוכע".

די „בליענדיקע מעלוכע" — אַזוי רופן די כינעזער אָן זייער לאַנד. מיט מער רעכט וואָלט מען דאָס געקאָנט אָנרופן „דאָס לאַנד פון אומופהערלעכן בירגער־קריג". פון זינט סע איז אונז באקאַנט די געשיכטע פון כינע, האַלט דאָס לאַנד אין איין ווייקן אין אופּשטאַנדן, מילכאָמעס און פאָלקס־באוועגונגען.

און ס'איז קיין כידעש ניט.

כינע איז קעסיידער איבערפולט מיט הונדערטער מיליאָנען אומצופרידענע און פאראָרעמטע מענטשן.

די באפעלקערונג איז א גרויסע, א געדיכטע. די ערד אָבער און די איבעריקע גיטער זיינען קלאַל ניט גלייכמאָסיק פארטיילט.

איז אײנג די 400 מיליאָן מענטשן, װאָס ציען די כאיונע פון דער ערד, װאָס באַאַרבעטן זי מיט דער בידנער גראָבהאַק און פארזײען זי מיט די הענט. נאָך אײנגער װערט, װען די בעסטע פרוכטן קומען אָן דעם עקספּלואַטאטאָר. דערצו לײדט נאָך צאָפּן־און מיטל־כינע פון געװיסערס, און דאָרעם־כינע—פון פארטריקענישן.

דידאָזיקע קאטאסטראָפעס רײסן אײנגאַנצן אונטער די אָרעם־פויערשע װירטשאפט, װאָס איז ניט בעקױעך מיט די אײגענע קרעפטן דידאָזיקע אומגליקן צו באקעמפן. און די מעלוכע, װאָס װאָלט ־ דערבײ עפּעס יאָ געקאָנט באהילפיק זײן, פלעג זעלטן װעלן קומען צו הילף. פארקערט, זי פלעג נאָך אונטערשיקן דעם צ י נ ש מ אָ נ ע ר, ער זאָל נאָך אָפּשינדן די לעצטע פעל פונם אָרעמען פויער נאָכדעם, װי:

1) ד י נ אַ ט ו ר האָט פון אים די ערשטע פעל אָפּגעשונדן מיט איר געװיסער אָדער פארטריקעניש, און נאָכדעם, װי

2) דער ע ר ד פ א ר מ אָ ג ע ר, דער פעאָדאַל, בא װעמען דער אָרעם־פויער אַרענדירט מערסטנטײל זײן נאכלע, האָט שוין אראָפּ־גענומען די סמעטענע פון באַלעבאטישקײט,—דאָס געצאָלטס פאר דער אַרענדע.

בא אזא דערשלאָגנקײט און דאַלעס קאָן זיך קײן מעלאָכע און אינדוסטריע אויך ניט אנטװיקלען.

האָט איר אײך א י ן ס י ב ע, װאָס װארפט דעם פארצװײ־פלטן פויער אריין אין פײער פון אופשטאנד און בירגער־קריג,— עפשער װעט ער זיך צו א בעסער לעבן דערשלאָגן.

די צװײטע סיבע איז דאָס, װאָס כינע האָט זיך עטלעכע הונ־דערט יאָר געפונען אונטערן פרעס פון פרעמדע.

אינם 17־טן יאָרהונדערט האָבן די פירשטן פון די מאנדזשור־רישע שװאָטים באפאלן כינע, דאָרט זײער מאַכט אײנגעשטעלט און פון זיך איבער כינע א דינאַסטיע פון קיסרים אופגעשטעלט.

דידאָזיקע דינאַסטיע האָט געװעלטיקט פון דעמאָלט אָן ביז דער כינעזישער רעװאָלוציע פון 1911 יאָר. פאר דערדאָזיקער

גאנצער צייט האָבן די מאַנדזשורישע מישפּאָכעס געהאט די אוי־בער־האַנט איבער די כינעזער, און האַגאם זיי פלעגן זיך צוביס־לעכווייס אויסמישן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, פונדעסט־וועגן האָט זייער הערשאפט געבראכט דערצו, אז די אָרעמקייט פון די פאָלקסמאַסן האָט געהאלטן אין איין שטייגן.

דער פרעמדער יאָך פון די מאַנדזשורן איז די צווייטע סיבע פון דער פאָלקס־אומצופרידנקייט אין כינע.

נאָך דעם לעצטן טראָפּן פון דער סינע מיצאַד דעם פאָלק צו זיינע אונטערדריקער האָבן צוגעגאָסן די מאַנדאַרינען—די כינע־זישע מעלוכע־באַאַמטע, וואָס זייער אַוודע איז געווען אויסצופּרעסן די צינשן פונם פויערטום, מישפּעטן און שטראַפירן די אָרעמע פּוי־ערים, וואָס האָבן ניט באַוויזן איינצוצאָלן די געהעריקע שטייערן.



פּאַרמישפּעטע

# 9. די ווייסע ליליעס, וואָס בליען אין כינע.

דעריבער וויסט שוין די אַלטע געשיכטע פון דער „בליענ־דיקער״ מעלוכע צו דערציילן פון געהיימע אופשטאנדלערישע גע־זעלשאַפטן, וואָס פלעגן אָרגאַניזירן די אומצופרידענע מאַסן צו אופשטאַנד און קאַמף. אָט וואָס פאר א בליעכץ ס׳איז אופגעגאַן אינם דאָזיקן לאַנד, וואו עס האָבן געשמאַכט אונטערן דרוק הונ־דערטער מיליאָנען מענטשן. מיר ברייגנען אייניקע נעמען פון די קאַמף־פארבאנדן, וואָס האָבן געווירקט אין כינע די לעצטע עט־לעכע הונדערט יאָר:

„רויטע ברעמען״ אין שאַנדון.

„ווייסע ליליע״.

„וואסער־ליליע״.

„בלויער לאָטאָס״.

„געזעלשאַפט פון הימלשן סייכל״.

„דריילינג״ („הימל, ערד און מענטש״) א. אז. וו.

און מער פאָשעטע נעמען, ווי ס׳האָבן געטראָגן די באַנדעס:

„האַרטע בייכער״.

„לאַנגע מעסערס״ א. א. וו.

נאָך מער פארשאַרפט האָט זיך די לאַגע פון די פאָלקסמאַסן, ווען די אַראָפּגעקומענע אייראָפּייער האָבן נאָך אינם 19־טן יאָרהונדערט זייערע עקספּלואַטאַטאָרישע נעגל אַריינגעשטעקט אין צעביילטן לייב פונם אָרעמען כינעזער.

איז אַוועק אַ ריי בלוטיקע אופשטאַנדן.

אינדערמיט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט אויסגעבראָכן דער פויערשער אופשטאַנד פון די „טאַיפינגען״.

„טאַיפינג״ --איז זייער צוועק געווען, וואָס איז די טייטש: „פול־קומע שטילקייט״.

10 יאָר האָט די כינעזישע רעגירונג מיט די טאַיפּינגער, וואָס האָבן זיך אין נאַנקין באַפעסטיקט, געקעמפט און באקעמפן ניט

געקאָנט. האָט זי זיך געווענדעט צו די לייטזעליקע אויסלענדער. האָבן זיי גערן געשיקט אהין דעם גענעראל גאָרדאָן, — וועלכער האָט

— ערשטנס, — דעם אופשטאַנד אין בלוט דערטרונקען,

— צווייטנס, — רייכע מאַטאָנעס דערפאר פונם כינעזישן באָג־דיכאן (אימפעראטאָר) געקראָגן.

טכילעס XX־טן יאָרהונדערט האָט אופגעפלאַמט דער אופשטאנד פון דער געהיימער געזעלשאפט — „ד ע ר ק ו ל ע ק" („די באָקסערן"), וועלכער איז אויך דערשטיקט געוואָרן דורך די אויסלענדער.

פארשטייט זיך, אַז דאָס האָט געמאכט די אייראָפּייער פון דעמאָלט אָן פאר גאנצע באלעבאטים אין לאנד, ס'איז אַוועק אַ מיזמער איבער גאנץ אייראָפּע: — „כינע קאָן מיט די אייגענע קויכעס ניט אויסקומען. ס'איז אַ ווילד לאַנד. ס'נויטיקט זיך אין דער בייטש פונם קולטורעלן אייראָפּייער, וועלכער זאָל ארייַנברייַנגען אהין די שיין פון קולטור, דעם „טיף־מענטשלעכן, קריסטלעכן גלויבן" און אז. וו. און דערעך־אַגעוו שוין —

— אָנפּאָיען אים מיט אָפּיום, פאַרקויפן אים אייראָפּייאישע צאצקעס פאר צען מאָל אזויפיל און, דעריקער, — אָפּקויפן באַ אים פאר אַ שיבעש זיינע רייכע נאטור־פּרוכטן און זיי עקספּאָרטירן, ארויספירן פון די אומקולטורעלע כינעזער צו די ציוויליזירטע אייראָפּייער.

האָט זיך ד י י ט ש ל א נ ד פארנומען ק י א אָ ־ ט ש אַ אָ — קלאָמערשט אַ לוין פאר צוויי געהארגעטע דייטשישע מיסיאָנערן.

האָט זיך ר ו ס ל א נ ד פארנומען פּ אָ ר ט ־ אַ ר ט ו ר, דורכדעם, וואָס דער רוסישער מיניסטער וויטע האָט אונטערגעקויפט אַ כינעזישן באאמטן, ארייַנשארנדיק אים א מיליאָן כאבאר. איינגלאנד האָט באקומען ו ו י י כ א ו ו י י, און פראנקרייך — גואן־טזשאָר־וואן.

מיט איין וואָרט, איטלעכער האָט געכאפט א ביינדל: ווער אַ גאנצע טעריטאָריע און ווער אַ קאָנצעסיע אף אן אייזנבאן, ווער קוילן־גרובן און ווער אַ טעלעגראף־ליניע, ווער די ארענדע פון אַ האפן און ווער די רייכסטע פּלאנטאציעס.

דעמאָלט ערשט הייבט זיך אָן די עמעסע רעציכע, ווען כינע יוערט צעטרענצלט אין הורט און לאכאָדים אף אלע אייראָפּייאישע קאפּיטאַליסטישע מאַרקן.

## 10. דאָס כינעזישע 1905 יאָר.

פארשטייט זיך, אז מיט דער דערשטיקונג פונם באָקסערן־אופשטאנד איז די אומצופרידנקייט פון די פאָלקסמאסן קלאל ניט געשטילט געוואָרן.

פארקערט, ס'איז אוועק אין דער טיף, קעדיי בא דער ערשטער מעגלעכקייט מיט א נייעם צאָרן אופצורייסן.

ווידעראמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן מערן אונטערערדישע פאר־באנדן, וואָס האָבן געהאט דעם צוועק אראָפּצואווארפן דעם יאָך—

1. פון דער פרעמדער מאנדזשורישער דינאסטיע.
2. פון די אויסלענדישע אונטערדריקער.
3. פון די היימישע בלוטדורשטיקע באאמטע, די מאנדא־רינען.

אין 1911 יאָר האָט אזא מין ברייטע אגיטאציע אנטוויקלט די געזעלשאפט „טונג־שי־כאָי". זי האָט אָרגאַניזירט מיטינגען, וואו מע האָט דערקלערט די שעדלעכע און שענדלעכע ראָלע פון דער רע־גירונג, וועלכע פארקויפט כינע די אויסלענדישע מעלוכעס און פארגרעסערט דעם דאלעס פון די מאסן. מע האָט אופגערופן די באפעלקערונג צו שליסן די קלייטן, פארמאכן די שולן און ניט צאָלן קיין צינשן, ביז די מעלוכע וועט ניט ענדערן איר פּאָ־ליטיק.

דידאָזיקע אגיטאציע האָט באזונדערן דערפאָלג געהאט אין דער פראָווינץ סיטשואן (באפעלקערונג־געדיכטקייט — 218).

די אָנפירער פון דער באוועגונג זיינען ארעסטירט געוואָרן, און ווען די סטודענטנשאפט צוזאמען מיטן איבעריקן אוילעם האָבן

4

זיך געלאָזט צו דער מאכט בעטן, מע זאָל באפרייען די פרייהייט־קעמפער, — האָט מען אינם אוילעם געשאָסן, און פיל מענטשן זייַנען געהארגעט, פארוואונדעט און צעטראָטן געוואָרן אין דאָזיקן קאָך.

נאָר... די ארויסגערופענע כאיאָלעס האָבן אָנגעהויבן איבערגיין אף דער זייט פון אופגעשטאנענעם פאָלק. דעם וויצע־קעניג פון סיטשואן (יעדע פראָווינץ האָט זיך געהאט איר וויצע־קעניג) האָט מען דאן ארעסטירט, אים גלייך געמישפעט פאר דער ערשט אָפּ־געריכטער בלוט־באָד, געקעפּט און ארומגעטראָגן זיין קאָפּ איבער די גאסן מיט אן אופשריפט:

„באם לעבן האָט איר געקוקט אף מענטשן פונויבן אראָפּ, — קוקט אצינד אויך אזוי".

גלייכצייטיק מיט סיטשואן האָט זיך די רעוואָלוציע צעשפּילט אין די שטעט וואוטשאנג און כאנקאָו פון דער פראָווינץ כוביי. דער וויצע־קעניג פון וואוטשאנג האָט געמאכט די פּלייטע קיין יאַפּאָניע, און די אופשטאנדלער האָבן אויסגעקליבן אלס עלטסטן דעם גענעראל לי, וועלכער האָט דערקלערט אין וואוטשאנג א רעפּובליק און אָנגעהויבן ווערבירן א רעפּובליקאנישע ארמיי. צו זיי איז אינגיכן צוגעשטאנען כאנקאָו.

אין פּעקין אָבער, די הויפּטשטאָט פון כינע, איז נאָך געווען בא דער מאכט „דער כינעזישער צאריזם".

פאָרמעל איז אפן טראָן געזעסן א פינפיאָריקער אימפּעראטאָר, נאָר די ווירקלעכע מאכט איז געווען אין די הענט פונם פּרינץ, — דעם „רעגענט" (רעגירער), — דעם פארשטאָרבענעם קייסערס א ברודער, — און פון דער אלטער אימפּעראטאָרן די אלמאָנע.

ווען קיין פּעקין זייַנען אָנגעקומען יעדיעס וועגן דער אויסגעבראָכענער רעוואָלוציע, האָט מען דאָרט אָנגעהויבן

— לויפן.

דערהויפּט — די מעלוכע־באאמטע.

באהאלטן, פארשטייט זיך, האָט מען זיך בא די אויסלענדישע קאָנסולן.

די אלטע אימפעראטאָרן האָט דעמאָלט אוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער מאכט דעם גענעראל יואנשיקאי, אירן א מע־קורעוו, א געוועזענעם מעלוכע־באאמטן, וואָס האָט שוין געהאט געשפּילט א פּאָליטישע ראָלע באם לעבן און אויך „אינם טויט" פונם אלטן אימפּעראטאָר, און וואָס איז דערנאָך אוועק פונם פּאָ־ליטישן לעבן זיך „היילן די פיס", ווי ער האָט געזאָגט.

דאָס איז א דורכגעטריבענער מענטש געווען און א קאריע־ריסט, וואָס איז גרייט געווען אף אלץ, אבי צו קלייבן דערפאָלג און רום.

אצינד, ווען אים איז אזא פאראנטוואָרטלעכע ראָלע געגעבן געוואָרן, האָבן זיך בא אים גלייך אויסגעהיילט די פיס.

די לאגע איז אָבער געווען אזא, אז מע האָט צו איר געמוזט האָבן ניט בלויז קיין אויסגעהיילטע פיס, נאָר אויך א געזונטן קאָפּ.

נאָר אויך דאָס האָט יואנשיקאיען ניט געפעלט.

אלנפאלס, א געזונטן כוש־הארייעך האָט ער געוויס פאר־מאָגט. טכילעס האָט ער געזאָגט, אז ער האָט דריי דוירעס גע־דינט טריי דער מאנדזשורישער דינאסטיע, מוז ער איר אצינד אויך אויסשטרעקן די האנט צו הילף. נאָר גלייך ווי ער האָט דער־שמעקט,—ווי אונזער מיליוקאָוו אין זיין צייט, — אז ראטעווען די דינאסטיע איז אומעגלעך, האָט ער כאָטש געוואָלט ראטעווען די מאָנארכיע. ניט די דינאסטיע, איז אן אנדערע, אָבער אבי א מאָ־נארכיע זאָל זיין. ניט קיין אומבאגרענעצטע — איז, אלקאָלפּאָנעם, אַ באגרענעצטע מאָנארכיע — אבי ניט קיין רעפּובליק.

האָט ער געשיקט א שאָליעך צום אָנפירער פון דער רעפּובלי־קאנישער ארמיי אין וואוטשאנג, צו לין, ער זאָל דערוף איינגיין. יך האָט אָבער ניט געפוילט. דעמאָלט איז אין אימפעראטאָרישן הויף אין פעקין פאָרגעקומען א באראטונג פון די לעצטע פאָר־שטייער פון דער מאנדזשורישער דינאסטיע.

די אימפעראטאָרן איז געפאלן כאלאָשעס, איינקע פרינצן האָבן געמאָלדן, אז זיי קלייבן בילכער אויס דעם טויט, איידער אזא שאנד.

בלויז דער אימפעראטאָר אליין האָט זיך פריילעך געשפילט אין זיין קינדערצימער מיט די פראכטפולע צאצקעס, וואָס אים האָט צוגעשיקט דער רוסישער צאר ניקאָלאי און דער אימפעראטאָר פון דייטשלאנד, ווילהעלם...

געשפילט זיך, ניט געפילט, ווי פון זיין פינפיאָריק קעפל ווערט אָפגעטון די קרוין.

דער גורל פון דער אימפעריע איז שוין געווען געכאסמעט. ס'איז אופגעקומען די כינעזישע רעפובליק. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 1־טן יאנואר 1912 יאָר.

אלס הויפטשטאָט פון דער רעפובליק האָבן די נאנקינער און שאנכאיער רעוואָלוציאָנערן אויסגעקליבן די שטאָט נאנקין, און אלס ערשטן פרעזידענט האָבן זיי אויסגעקליבן א מענטשן, וואָס איז דעמאָלט אין כינע ניט געווען —

— דעם דאָקטער ס ו ן־י א ט־ס ע ן.

און כינע האָט געוואַרט אף איר ערשטן פרעזידענט, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיטן יאם קיין שאנכאי.

פארוואָס־זשע עפעס האָט מען אויסגעקליבן א פרעזידענט, וואָס איז דעמאָלט אפילע אין כינע ניט געווען?

שוין־זשע האָט כינע קיין בעסערע זין אינעווייניק אין לאנד ניט געהאט?

— ווייזט אויס, אז ניט.

האָט דאָך אויך בא אונז די אָקטיאבר־רעוואָלוציע אוועקגעשטעלט באם מעלוכע־רודער, אין שפיץ פון ראטפאָלקאָם, לענינען — א מענטשן, וואָס האָט זיך ערשט מיט עטלעכע כאדאָשים פריער אומגעקערט פון אויסלאנד.

—

## רעוואָלוציע אין כינע אין 1911 – 1912 יאָר (סכעמע).




I סון-יאַט-סען.

II לי-יואַן-כון, הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין 1911.

III טאַן-טאַאָ-אַי — דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער פּרעמיער

IV יואַנשיקאַי.

דאָס רעוואָלוציאָנערע כינע (דאָרעם) איז פאַרשטריכירט; דאָס קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע (צפון) פאַרפּינטלט.

# 11. ווער איז סון-יאט-סען?

סון־יאַט־סען, אָדער סון־ווען, אָדער פּאָשעט סון, דער ער-שטער פּרעזידענט פון דער כינעזישער רעפּובליק, אף וועמען אלע האָבן אצינד ארויסגעקוקט, איז געבוירן געוואָרן אין 1868 יאָר אין דער פּראָווינץ גואנדון, אָדער קוואנטון, לעבן דער שטאָט קאנטאָן, וועלכע איז געוואָרן די פעסטונג פון דער רעוואָלוציע.

א זון פון א געמיינעם ערדארבעטער, איז ער ביז 13 יאָר געווען אינדערהיים און געהאָלפן די עלטערן בא דער פעלדאַרבעט. אין שול אריין פלעג ער זיך אָפּרייסן נאָר פארנאכט און זעלטן ווען אינדערפרי.

דער אָנפירער פון דערדאָזיקער שול — זיינער א פעטער — איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אמאָל שטאַרק מיטגעפּילט די טאיפּינגער. דעמדאָזיקן רעוואָלוציאָנערן גייסט האָט ער אויך אין זיינע טאלמידים איינגעפלאנצט. אַזוי איז סון־יאט־סען פון פריער יוגנט געוואקסן אין דער סוויווע פון סינע צו די אונטערדריקער פון זיין לאנד און פאָלק.

צו דרייצן יאָר האָט אים צו זיך ארויסגענומען זיינער א ברו־דער — א פערמער אף די זאנדוויטש־אינזלען.

אָנגעזאפּט מיט איינדרוקן פון ווייטן לאנד, האָט זיך סון צו 16 יאָר אומגעקערט אהיים. די לאגע פון זיינע עלטערן איז שוין דאן בעסער געווען, און ער האָט באקומען די מעגלעכקייט לערנען זיך.

האָט ער זיך גענומען צו מעדיצין, וועלכע ער האָט געשטו־דירט פריער אין קאנטאָנער שול, דערנאָך אין גאָן־קאָנג בא די איינגלישע דאָקטוירים.

אין 5 יאָר ארום, אין 1891 י., האָט ער באקומען דעם טיטל דאָק־טער און זיך גענומען פּראקטיקירן אין דער פּאָרטוגאלישער קאָ־לאָניע מאקאאָ. דאָרט איז ער צום ערשטן מאָל ארייגעטראָטן

אין דער פּאָליטישער געזעלשאַפט „יונג־כינע". דאָס איז געווען בעשאַס די יאַפּאַנער האָבן גענומען אָנגרייפן אַף פּעקין. א טעמ־פּעראַמענט־פולער רעדנער, — האָט ער שוין פון דעמאָלט אָן באַ־שלאָסן אָפּגעבן זיינע קויכעס דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

אין 1895 יאָר באַטייליקט ער זיך אין קאַנטאָנער אופשטאַנד, וועלכער האָט נים געראָטן. 50 אַנטיילנעמער פונם דאָזיקן אופ־שטאַנד זיינען געקעפּט געוואָרן. סון־יאַט־סענען האָט געלונגען זיך אַרויסדרייען פון דער פּאָליציייס הענט און נאָכאַמאָל אַנטלויפן פון כינע קיין אייראָפּע דורך יאַפּאָניע און אַמעריקע.

אין יאַפּאָניע האָט ער זיך אָפּגעשוירן דעם צאָפּ, זיך אָנגעטון אין א יאַפּאָנישן אַנצוג און זיך אַזוי אַרום אויסבאַהאַלטן פון דער כינעזישער פּאָליציי־אַגענטור.

גאָר שמאָל האָט ער געהאַלטן, ווען ער איז געווען אין לאָנ־דאָן. א כינעזישער סעקרעט־אַגענט האָט אים דאָרט פאַרנאַרט אין הויז פון כינעזי[illegible]ן קאָנסולאַט, מע האָט אים אַרעסטירט און שוין געקליבן זיך אים איבערפּעקלען מיט א שיף קיין כינע, וואו מע וואָלט אים געוויס געקעפּט. נאָר דערפון האָבן זיך דער־וואוסט זיינע איינגלישע פריינט. האָבן זיי אופגעהויבן א ליאַרם. ס'האָט זיך געמוזט אַריינמישן דער איינגלישער פּרעמיער־מיניסטער, און סון איז באַפרייט געוואָרן.

נאָך זיין רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע האָט ער נים איבערגע־ריסן,—פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך מיט מער אימפּעט איר אָפּגע־געבן. אומעטום, אין אַלע פונקטן פון זיין וואַנדער־וועג, האָט ער אָרגאַניזירט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון די כינעזישע עמי־גראַנטן און געגרינדעט רעוואָלוציאָנערע קרייזן: אין יאַפּאָניע, אַמעריקע, אַף די פיליפּינער אינזלען און אין די אייראָפּייאישע מעלוכעס, וואו אים איז אויסגעקומען צו זיין.

קיין כינע האָט ער זיך עטלעכע מאָל אומגעקערט באַהאַל־טענערהייט און זיך באַטייליקט אין דעם אָדער אין אן אַנדער אופ־שטאַנד.

אין 1900 יאָר האָט ער אופגעהויבן א אופשטאנד אין קאנ־טאָנער פראָווינץ, וועלכער איז דערשטיקט געוואָרן.

ווען ס'האָט אופגעפלאמט דער באָקסערן־אופשטאנד, און זיבן אויסלענדישע מעלוכעס האָבן זייערע כאַיאָלעס קיין כינע אריינ־געפירט, קעדיי צו דערשטיקן די אויסגעבראָכענע באוועגונג, האָט סון בא זיך געפוילט, אז אין אזא פאראנטוואָרטלעכן מאָמענט טאָר מען ניט שטיין פון דער זייט און מע דארף זיך אריינ־מישן.

איז ער אראָפגעקומען צו אָרגאניזירן א דיסציפלינירטע רע־וואָלוציאָנערע ארמיי. זיין אקציע האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. צוליבן פאראַט פון איינעם א פראָוואָקאטאָר איז דער פלאן דורכגעפאלן, און ער האָט ווידעראמאָל געמוזט פארלאָזן דאָס לאנד.

ניט געקוקט דערויף, וואָס א גרויסער טייל פון זיין ארבעט איז פארלאָפן אין אויסלאנד, איז סון־יאט־סען געוואָרן דער ליב־לינג פון די פאָלקסמאסן אין דאָרעם־כינע.

אין איינע פון זיינע פאָליטישע וואנדערונגען — דערציילט סון־יאט־סען — איז מיט אים אזא צופאל געשען.

ער האָט זיך געפונען אף א שיף, וואָס האָט געזאָלט אָפגיין פון נאנקין קיין יאפּאָניע.

קיינער, פארשטייט זיך, האָט ניט געטאָרט וויסן, ווער ער איז, אניט האָט ער געשפילט מיטן לעבן.

גייט צו אים ארויין אין קאיוטע איינער א אומבאקאנטער כינעזער, קוקט זיך איין אים איין און זאָגט צו אים אזוי:

— סון, דערבארעם זיך אף מיר! איך בין דאָך אן אָרעמאן און א מעטופל מיט א ווייב און קינדער...

סון־יאט־סען האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, וואָס דער כינעזער באדארף, און זיך צו אים אָנגערופן:

— גוט. מיר פארשטייען איינס ס'אנדערע. דו ווילסט מיך ארויסגעבן און פארדינען דערמיט א טויזנט דאָלאר?

— וואָס רעדסטו, טייערער סון? אסאך מער פון ־טויזנט! איך רעכן, ניט ווייניקער פון פינף טויזנט דאָלאר! די רעגירונג איז גרייט צו באצאָלן פאר דיין קאָפּ, וויפל כ'וועל נאָר פאָדערן. נאָר טו נאָר א קלער: מע וועט אים דיר דאָך אָפּשניידן און ארויסוואַרפן פאר די הינט! צי איז ניט בעסער, זאָלסט מיר אים אליין אָפּגעבן מיט דיין גוטן ווילן? דערמיט וועסטו מיך און מיין גאנצע מישפּאָכע גליקלעך מאַכן. מיר וועלן דיר אייביק דאנקבאר זיין פאר דיין גרויסן גענאָד, וואָס דו וועסט טון מיט אונז.

— ביסט גערעכט — האָט סון־יאט־סען געזאָגט — מיין קאָפּ האָט פאר מיר קיין שום ווערט ניט. נאָר גלויב מיר, אז די מאנדארינען וועלן דיר פון די פינף טויזנט גאָרניט איבערלאָזן. דיינע קינדער וועלן פּונקט אזעלכע אָרעמעלייט בלייבן, ווי זיי זיינען פריער געוועזן און ווי ס'זיינען בא אונז צענדליקער מיליאָנען פון אונזער פאָלק. הער נאָר, פריינט מיינער! דו ווייסט, אז מיין לייב און לעבן געהער דעם כינעזישן פאָלק און איטלעכן כינעזער באזונדער. איך און יעדער פון אייך זיינען מיר איינס. אויב דו וועסט מיך ארויסגעבן און מיך אומברייינגען, וועסטו דערמיט אומברייינגען א טייל פון זיך און וועסט שאָדן ברייינגען דער פאָלקס־זאך, וועלכער איך דין. אויב דו געפינסט פונדעסטוועגן פאר מעגלעך, איז גיי און מעלדע דער מאכט, וואו איך געפין זיך. איך וועל ניט אנטלויפן, זיי זיכער!...

דער כינעזער — דערציילט סון־יאט־סען — האָט זיך אנידערגעוואָרפן אף די קני פאר אים און גענומען בעטן מעכילע. אפן צווייטן טאָג האָב איך מיך דערוואוסט, אז ער האָט זיך געהאנגען...

די פּרייז פאר סון־יאט־סענס קאָפּ האָט וואָס ווייטער געהאלטן אין איין שטייגן און איז אינגיכן דערגאנגען ביז 700.000!

דעריבער איז ער אין אויסלאנד געזעסן און פונדאָרטן אָנגעפירט מיט דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין כינע אקוראט, ווי אונזער לענין האָט קיינמאָל ניט איינגעריסן מיט

די רעוואָלוציאָנערע מאסן אין רוסלאַנד, סיי ווען ער איז געווען אין דער שווייץ, סיי ווען ער האָט זיך אויסבאהאלטן אין א קליין גאליציאניש דערפל.

אין מאי כוידעש פון 1911 יאָר איז ווידעראמאָל פאָרגעקומען א אופשטאנד אין כינע, וועלכן מע האָט אומבעראכמאָנעסדיק דער־שטיקט. פיל יוגנט האָט דערפאר מיטן לעבן באצאָלט. סון־יאט־סען האָט אין דער צייט אף אלע קיילים געארבעט אין אויסלאנד, אגיטירט און געלט געקליבן פאר דער רעוואָלוציע צווישן די צענ־דליקער טויזנטער כינעזישע עמיגראנטן.

נאָר דאָ פלוצים, אין סאמע קאָך פון זיין ארומפאָרן, באקומט ער אַ ידיע וועגן זיג פון דער רעוואָלוציע אין כינע און פון דער־פון, אז ער איז אויסגעקליבן אלס פרעזידענט, ערשטער פרעזידענט פון דער ערשט־געבוירענער כינעזישער רעפובליק.

## 12. אין קאַמף פאַר דער רעפובליק.

ער האָט זיך געלאָזט אהיים, וואו די בעסטע טרוימען זיינע האָבן געהאלטן באם פארווירקלעכט ווערן אין לעבן. דעם 25־טן דעקאבר האָט ער זיך ארויסגעזעצט אין שאנכאי, און פונדאנען איז ער געפאָרן קיין נאנקין.

פראָסט און אָן א שום פאָמפע האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע כינע אופגענומען זיין ערשטן פרעזידענט. דעלעגאטן פון די אופ־שטאַנדלערישע פראָווינצן האָבן אים באַ דער שיף באַגעגנט. פאַר־נאַכט דעם ערשטן יאַנוואַר איז זיין צוג אָנגעקומען קיין נאנקין. שטיל, מיט אַן אנטבלויזטן קאָפּ איז ער דורכגעגאַנגען פון וואָקזאַל צום עקיפּאַזש, וועלכער האָט אים אָפּגעפירט אינם „יאמען", דעם הויף פונם געוועזענעם וויצע־קיניג, וועלכער האָט געגומען דעם וועג.

גלייך פון עקיפּאַזש איז ער דורך אַ לאַנגער ביימער־אלייע, וואָס האָט געפירט אין מיניסטעריום, וואו ער האָט אין

אָנוועזנהייט פון א מייע מענטשן געבראַכט די שוואוע אופצושטעלן שאָלעם אין לאַנד און אוועקצושטעלן אַ רעגירונג, וואָס זאָל זיך אָנשפּאַרן אַפן ווילן פון פאָלק. ער האָט אויך געשוואוירן, אַז ער וועט זיך גלייך אָפּזאָגן פון זיין פּרעזידענטן־פּאָסט, וויבאַלד דידאָ־זיקע צילן וועלן דערגרייכט ווערן, מאַכמעס ער רעכנט זיך בלויז



סון־יאַט־סען.

פאַר צייטווייליק אויסגעקליבן, ביז דאָס לאַנד וועט קומען צו זיך. דעמאָלט וועט דאָס פאָלק באַקומען די מעגלעכקייט אליין אויס־צוקלייבן אַ פּרעזידענט פון דער פאַרייניקטער כינעזישער רעפּובליק.

פונם דאָזיקן טאָג — דעם ערשטן יאַנוואַר פון 1912 יאָר (אַגעוו, האָט די נייע רעגירונג פון דעמדאָזיקן טאָג איינגעפירט אין כינע דעם אייראָפּייאישן קאַלענדאַר) — ציילט אירע טעג די כינע־זישע רעפּובליק. אין האַלבער נאַכט, ווען די שוואוע־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען פונם לייבן־באַרג דערלאַנגט דעם ערשטן פּרעזידענטן־סאַלוט — 21 האַרמאַטן־שאָס.

אין פּעקין אָבער איז נאָך באַם רודער געשטאַנען יואַנשיקאַי.

ער האָט געמאָלדן, אַז די מאַנדזשורישע דינאַסטיע זאָגט זיך אָפּ פון טראָן, נאָר ־ביטנאַי, אַז די רעפּובליקאַנישע רעגירונג זאָל זיך אויך גלייך אָפּזאָגן.

— צוליב וואָס פאָדערט דאָס יואַנשיקאַי? — האָט סון־יאַט־סען געקלערט — שוין־זשע וויל ע ר פאַרנעמען דעם טראָן אַנשטאָט דער אַראָפּגעשליידערטער אַלטער דינאַסטיע?

יואַנשיקאַי איז, ווי מיר ווייסן שוין, אַ ערע־גייציקער מענטש געווען און ניט קיין קליינער קאַריעריסט. און סון־יאַט־סען האָט באַשלאָסן אים אָפּטרעטן דעם קאָווער פון פּרעזידענט, אַבי אָפּצו־היטן די יונגע רעפּובליק פון דער אומפאַרמיידלעכער בלוט־פאַר־גיסונג, וואָס האָט זיך געזאָלט צעשפּילן, ווען פּעקין און נאַנקין זאָלן געוועזן אופהייבן די פאָן פון בירגער־קריג.

מיט גרויס מי איז סון־יאַט־סענען אָנגעקומען צו איבערצייגן זיינע פּאָליטישע כאַווײרים און פריינט דערינען, אַז די אינטע־רעסן פון לאַנד פאָדערן פון אים דעמדאָזיקן קאָרבן.

סון־יאַט־סענס כאַוויירים זיינען דערויף איינגעגאַנגען קעגן זייער ווילן. זיי האָבן ניט געגלויבט יואַנשיקאַיען דעם פּאָלי־טיקאַנער.

נאָר סון־יאַט־סען האָט געטאַנעט: נעכטן איז ער אונזער סוינע געווען, און מאָרגן וועט ער זיין אונזער פריינט!

און סון־יאַט־סען האָט געפּוילט.

דעם 12־טן פעווראַל פון 1912 יאָר האָט די יונגע אימפּעראַ־טאָרן, די אַלמאָנע, געכאַסמעט דעם אָפּזאָג פון טראָן. און אינם

דאָזיקן אָפּזאָג־עדיקט איז יואַנשיקאַי באַשטימט געוואָרן אַלס ערשטער מיניסטער.

און אויך אין דעמזעלביקן טאָג האָט די נאַנקינער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אויסגעקליבן יואַנשיקאַיען פאַרן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק; דידאָזיקע פּרעזידענט־וואַלן זיינען באַגלייט געוואָרן מיט מאַמעש אַן אויסטערלישן אויסדרוק פון אַכטונג־געפילן... ניט צום אויסגעקליבענעם פּרעזידענט יואַנשיקאַי, נאָר צום „ערשטן" פּרע־זידענט, צו סון־יאַט־סענען, וואָס האָט גוטוויליק דאָס אָרט אָפּ־געטראָטן און אַף זיין אייגענעם קאָווענד מויכל געווען, אַבי צו פאַרגרינגערן די פאַראייניקונג פון גאַנץ כינע אונטער איין רע־פּובליקאַנישער פאָן.

אין פּעקין האָט מען אַלע ביימער, לויט אַן אַלטן מינהעג, מיט העלע קינסטלעכע בלומען באַפּוצט לעקאָוועד דעם נייעם פּרעזידענט.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע.

כינע איז געוואָרן אַ רעפּובליק.

---

ס'האָט זיך אָבער גלייך אָנגעהויבן אַ שטרייט צווישן יואַנשי־קאַיען און דעם אויפגערופענעם פאַרלאַמענט.

דעם פּראָעקט פון קאָנסטיטוציע (מעלוכע־אָרדענונג), וואָס דער פאַרלאַמענט האָט אויסגעאַרבעט, האָט יואַנשיקאַי געפונען פאַר צו ראַדיקאַל און מיט אַלע מעגלעכקייטן געשטערט אים דורכצופירן אין לעבן.

דעמאָלט האָבן די רעוואָלוציאָנערע גרופּעס געפּרואווט פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון דער רעפּובליק מיט געווער אין האַנט. האָבן זיי אין קאַנטאָן אויפגעהויבן אַ אופשטאַנד. יואַנשיקאַי האָט אָבער אין פאַרלויף פון עטלעכע כאַדאָשים דערשטיקט דעמדאָזיקן אופשטאַנד מיט דער הילף פון זיין צאָפּנדיקער אַרמיי און פלאָט.

דעמאָלט איז יואַנשיקאַי פּאַקטיש געוואָרן מיילעך אין כינע. דעם פּאַרלאַמענט האָט ער געהערט אין טראַק. דעם סענאַט האָט ער אליין באַשטימט. די אַדמיניסטראַציע האָט ער געביטן לויט זיין גוסט און אינטערעסן. אין שפּיץ פון די פּראָווינציעלע אַר־מייען האָט ער אַוועקגעשטעלט קאָמאַנדאַ־מען, וואָס זיינען געווען אומאָפּהענגיק פון דער אָרטיקער בירגערלעכער מאַכט.

ס׳האָבן זיך דערהערט נייע לידער. אייניקע פון יואַנשיקאַיס אָנהייגער האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז פאַר כינע איז אַ מאָנאַרכיע בעסער אָנגעמאָסטן, איידער אַ רעפּובליק.

יואַנשיקאַי, וואָס האָט אין די טעג פון רעוואָלוציע געקעמפט אייניקע געזעלשאַפטלעכע טוער פאַר „מאָנאַרכיזם״, האָט זיך אַצינד אומפאַרשעמט צוגעהערט צו די נייע מאָנאַרכיסטישע דראָשעס, וועלכע ער אליין האָט אינספּירירט (אַרויסגערופן, אָנגעשטעלט). נאָר אַדע־ראַבע, — האָט נאָך יואַנשיקאַי אָן אָנשטעל געמאַכט, — זאָל דאָס פאָלק גופא אליין זאָגן, וואָס וויל דאָס, אַ מאָנאַרכיע צי אַ רעפּובליק.

און יואַנשיקאַי רופט צונויף „פרייע״ פאָרשטייער פון די פּראָ־ווינצן, וועלכע דאַרפן אויסקלייבן אַזאַ מעלוכע־סיידער, וואָס פּאַסט אַמבעסטן פאַר כינע. פאַרשטייט זיך, זיינען די וואַלן דורכגעפירט געוואָרן בּאַ דער מיטהילף פון יואַנשיקאַיס באַגנעטן. און „דאָס פאָלק״ האָט זיך „אַרויסגעזאָגט״ פאַר אַ מאָנאַרכיע, פאַרשטייט זיך! און קלאָר, אַז פאַר אַ מאָנאַרך האָט „דאָס פאָלק״ אויסגעקליבן טאַקע יואַנשיקאַיען אליין.

— ווער מען דען אַנדערש!

און יואַנשיקאַי, נעבעך, האָט זיך אַביסל געפּעסטעט און געכיינט.

— ווער דאַרף דאָס, קלאָמפּערשט. און ביכלאל איז ער אַזאַ קאָוועד ניט ווערט, נאָר וואָדען... — וואָס טוט מען ניט צוליב אַ געליבט פאָלק?

און יואַנשיקאַי האָט, נעבעך, מאַסקים געווען. אַן אַנדער ברירע האָט ער דען געהאַט?...

נאָר דאָס געליבטע פאָלק האָט אזש דאָס גרויסע גליק ניט געקאָנט איבערטראָגן, דאָס גליק, אז סע האָט דערלעבט צו א נייעם געזאלבטן מיילעך, און דאָסדאָזיקע פאָלק האָט...

— אופגעהויבן אַ אופשטאנד אין דער פּראָווינץ יון־נאן און נאָך אין עטלעכע פּראָווינצן.

די טייטש פונם אופשטאנד איז געווען:

— מויכל דעם קאָוועד! זאָל יואנשיקאי זיצן אפן פּעקינער טראָן, און מיר ווילן זיך בלייבן א פרייע רעפּובליק.

כינע איז אָבער ניט־באשערט געווען צו האָבן איבער זיך אזא מיילעך, ווי יואנשיקאי, אפילע בלויז אין פּעקין. נעמט ער, יואנשיקאי, און מאכט א אומגעריכטן שטארב אין יוני פון 1916. דעם געליבטן פאָלק איז אביסל גרינגער געוואָרן אפן הארצן, נאָכדעם ווי ער האָט אַנגעוואוירן דעם פרישגעבאקענעם מאָנארך.

כינע איז ווידעראמאָל געבליבן א רעפּובליק.

## 13. פון האנט צו האנט.

יואנשיקאי איז געשטאָרבן, כינע איז געבליבן בא דער רע־פּובליקאנישער פאָן. פּרעזידענט איז געוואָרן לי־יואן־כון. נאָר דאָס, פארשטייט זיך, האָט נאָך ניט געהייסן, אז די רעוואָלוציע האָט געזיגט. די רעאקציע איז נאָך געבליבן לעבן און האָט זיך גרופּירט דעריקער ארום פּארלאמענט און ארום פארשיידענע מיליטאריסטישע גרופּן אין דער פּראָווינץ, געשטיצט פון די אויסלענדישע מעלוכעס, וועלכע זיינען פארינטערעסירט געווען אין דער אָנמאכט און צעריסנקייט פון כינע. יואנשיקאי האָט געקראָגן געלט־שטיצע פון א קאָנסאָרציום־באנק פון פיר מעלוכעס.

אין 1917 יאָר, נאָך יואנשיקאיס טויט, פּרואווט איינער פון די צאָפן־כינעזישע דוצזיונעס (דוצזיון — קאָמאנדארם פון א פּראָ־ווינץ) פארכאפּן פּעקין און דאָרט מאכן א מאָנארכיסטישע איבערקע־רעניש, נאָר ער קריגט גלייך די מאפּאָלע פון די הענט פון

אַ צווייטן גענעראַל, דואַן־צזי־דזשוי, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון רעפּובליקאַנישן כאַיל. דערדאָזיקער גענעראַל גרינדעט אין פּעקין דעם פּאָליטישן קלוב „אַנ־פוי״ (פון די מיליטאַריסטישע גרופּי־רונגען פון דער פּראָווינץ „אַנ־כאַי״). קעדיי צו געווינען די מאַכט, קומט דערדאָזיקער קלוב אָן צו האַלוואָעס בא יאַפּאָניע, די לעצטע נוצט אים דערפאַר אויס און באַקומט פאַר איר געלט גוטע קאָנצעסיעס. דערמיט רופן די אַנפוויסטן ארויס דעם צאָרן פון די אָנהייגער פון כינעזישער אומאָפּהייגיקייט. דער אַלטער



סאָלדאַטן פון אַ דוצזיון.

פּאַרלאַמענט קלייבט זיך איבער קיין דאָרעם, קיין קוואַנטון, און פירט פונדאָרטן אָן אַ קאַמף מיט די אַנפוויסטן.

אין 1920 י. קריגן די אַנפוויסטן די מאַפּאָלע פון די הענט פון אופייפוען, וועלכער פאַרכאַפּט פּעקין־כאַנקאָוער אייזנבאַן בעהעסקעם מיט צאַאָ־קונען, דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פון טזשילי (געשטיצט פון אַמעריקע און איינגלאַנד).

יאַפּאָניע דערפילט, אַז מיטן אוועקגאַנג פון די אַנפוויסטן ווערט זי אָן איר גאַנצע מאַכט איבער כינע. טוט זי אָפּ אַזאַ

## בירגער־קריג אין כינע. 22—1920 יאר. (סכעמע).




I טשאַן־זאָ־לין. געשטאַנען אין שפּיץ פון פינטיאַנער גרופּע. יאַפּאַנישע אָריענטאַציע.

II אופּייפו. אין שפּיץ פון טזשילִיער גרופּע. קאָמאַנדאַרם. | אַמעריקאַנישע

III צאַאָ־קון. פּרעזידענט. אָנהייגער פון טזשיליער גרופּע. | אָריענטאַציע.

IV דואַן־צי־דזשוּ. אָנפירער פון מיליטערישן „קלוב אַנפו".

שפיצל. זי רעדט אָן דעם דוצזיון פון דריי מאנדזשורישע פראָווינצן, טשזשאן־זאָ־לין, ער זאָל קלאָמערשט צושטיין צו אופייפוען און מיט אים טיילן דעם ניצאָכן.

טשזשאן־זאָ־לין האָט אזוי געטון, און אז אופייפו האָט נאָכן זיג געוואָלט צונויפרופן די נאציאָנאלע פארזאמלונג, האָט „זיין פאר־בינדעטער", קלאָמערשט, טשזשאן־זאָ־לין, דאָס ניט דערלאָזט. פון דעמאָלט אָן איז, האגאם דער פרעזידענט איז געבליבן דער פריערדיקער, וואָס פאר די אנפויסטן (סי־שי־טשאן), נאָר פאקטיש איז די מאכט בא טשזשאן־זאָ־לינען, פון וועמעס מעקוראָווים ס׳ווערט ווערבירט די מערסטנטייל מיטגלידער פון מיני־סטאָרן־קאבינעט.

דאָס ברייננגט אין 1922 יאָר צו א צוזאמענשטויס צווישן טשזשאן־זאָ־לינען און אופייפוען, אין וועלכן טשזשאן־זאָ־לין קריגט די מאפּאָלע און טרעט צוריק אָפּ קיין מאנדזשוריע, קעדיי מיט דער הילף פון יאפּאָניע אָנצוקלייבן קויכעס און ווידער־אמאָל קומען צו דער מאכט.

נאָך אופייפוס ניצאָכן ווערט צוריק אופגעשטעלט דער אלטער פארלאמענט פון 1913 יאָר און ס׳ווערט אויסגעקליבן צוריק דער אלטער פרעזידענט. לי־יואן־כון.

אין די נאָענטסטע פּאָר יאָר ווערט פאָרגעזעצט דער קאמף צווישן טשזשאן־זאָ־לינען און אופייפוען און די האצלאָכע שיינט אמאָל דעם, אמאָל יענעם. דערביי טרעט די האצלאָכע ארויס אין דער פּערזאָן פון דעם אָדער יענעם גענעראל, וועלכער פארייניקט זיך היינט מיט דעם, און מאָרגן מיט יענעם דוצזיון. אזוי, צום ביישפּיל, רייסט זיך אָפּ אין 1924 יאָר פון אופייפוען זיין פארבינדעטער פין־יו־סיאן, א פויערשער גענעראל, און נעמט אָן טשזשאן־זאָ־לינס צאד. נאָר אין 1925 י. טרעט ער אליין ארויס קעגן טשזאן־זאָ־לינען אין שפּיץ פון דער געגרינדעטער „פאָלקס־ארמיי", און דעמאָלט, אויס פּאכעד פארן פריש־אופגעקומענעם קויעך, ווערט־שוין אופייפו שוטפעס מיט טשזשאן־זאָ־לינען, אבי צו

לייגן פין־יו־סיאנען, וועלכער האָט געהאַט דערפּאָלג באַם פויער־טום, אין דער ערד אריין.

אין א געוויסער מאָס האָט זיך זיי דאָס איינגעגעבן. נאָר אין הארבסט פון 1926, ווען זיי האָבן שוין קימאט צום צעטל גע־שטעלט די פאָלקס־ארמיי, וואָס איז אָפּגעטראָטן קיין צאָפן־מיזרעך־כינע, האָט זיך פּלוצים געלאָזט פילן די ארמיי פון קאנטאָנער רעגירונג.

ווער איז אזוינס די קאנטאָנער רעגירונג?

# 14. סון-יאט-סענס יערושע.

אינם קאמף מיט די אלע דערמאָנטע גרופּן טיילט זיך באַ־זונדערס אויס די גאנצע צייט די פּארטיי, וועלכע סון־יאט־סען האָט געגרינדעט און מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט ביזן טאָג פון זיין טויט — די פּארטיי „גאָמינדאן”.

גאָ־מין־דאן איז די טייטש: „מעלוכע — פאָלק — פּארטיי” (גאָ — מעלוכע; מין — פאָלק; דאן — פּארטיי), „די פּארטיי פון דער מעלוכע און פאָלק”, אָדער, אף אונזער לאָשן, פּאָשעט א דעמאָקראטישע פּארטיי, א פאָלקס־פּארטיי, וואָס וויל די מאכט, די מעלוכע זאָל זיין אין די הענט פונם פאָלק, פון די ברייטע פאָלקס־מאסן.

די גרינדונג פון די ערשטע קרייזלעך־קערנדלעך פון דערדאָ־זיקער אָרגאניזאציע געהערט נאָך צום סאָף פון יענעם יאָרהונ־דערט. עקזיסטירט האָבן דידאָזיקע קרייזלעך מערסטנטייל אין אויסלאנד, דעריקער אין טאָקיאָ, וואו ס׳איז געווען א באַ־דייטנדיקע כינעזישע סטודענטנשאפט. אין 1912 יאָר האָט סון־יאַט־סען פאראייניקט דידאָזיקע קרייזלעך אין איין פּארטיי, וועל־כער ער האָט א נאָמען געגעבן „גאָמינדאן”. ער איז גע־וואָרן און געווען דער לידער (אָנפירער) און פרעזידענט פון דערדאָזיקער פּאַרטיי ביזן טאָג פון זיין טויט.

אין די צייטן פון קאָמף מיט יואַנשיקאַיען האָט סון־יאַט־סען זי פּאָרגעלייגט אָנצורופן מיטן נאָמען „כינעזישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע". נאָר אין 1921 י. האָט זיך די פּאַרטיי אומגע־קערט צו איר פריערדיקן נאָמען.

דער צענטער פון גאָמינדאַן איז דאָרעם־כינע, און אין 1918 יאָר האָט זיך די פּאַרטיי באַפעסטיקט אין קאַנטאָן, קעדיי מיט מער דערפאָלג אנקעגנצושטיין די מיליטאַריסטישע גרופּירונגען. קאַנ־טאָן איז פון 1920 יאָר דערקלערט געוואָרן אלס הויפּטשטאָט פון א נייער רעגירונג, מיט סון־יאַט־סענען אין דער שפּיץ.

גאָמינדאַן פּאַרייניקט אצינד עטלעכע הונדערט טויזנט מיט־גלידער פון צווישן די אומצופרידענע מיט דער איצטיקער לאַגע אין כינע: אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, הענדלער און די אינדו־סטריעלע און האַנדלס־בורזשואַזיע.

די גאָמינדאַן־פּאַרטיי, וועלכע וויל אַראָפּוואַרפן דעם אימ־פּעריאַליסטישן יאָך פון כינע, געפינט, נאַטירלעך, בלויז איין מעלוכע, וואָס קוקט ניט אף כינע, ווי אף קיין פעט געשמאַק שטיקל צום איינשלינגען, ווי סע קוקן ערוף אַלע אייראָפּייאישע מעלוכעס.

דאָסדאָזיקע לאַנד איז דער ראַטנפאַרבאַנד.

דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס די באַציאונגען צווישן קאַנטאָנער רעגירונג און דעם ראַטנפאַרבאַנד זיינען פריינטלעכע, אף אַזויפיל פריינטלעכע, אַז ניט לאַנג האָט די דייטשישע „פאָסישע צייטונג" ארויסגעלאָזט אַ נייע וועלט־מאַפּע, איז אף דערדאָזי־קער מאַפּע קאַנטאָנער פּראָווינץ באַצייכנט מיט איין פאַרב מיטן ראַטנפאַרבאַנד, און לעבן קאַנטאָן איז אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס:

— „טעריטאָריע פון ראַטן־רוסלאַנד".

דאָס איז אַ שטאָך דער קאַנטאָנער רעגירונג, און מיינען מיינט מען דערמיט מאַכן א בייז לעבן צווישן אונזער אַרבעטער־

און פויערים־רעפּובליק און צווישן דער דאָרעם־כינעזישער רעוואָ־לוציאָנערער מאַכט.

וועגן דעם האָט איינער א כינעזישער בורזשואזער פּובלי־ציסט געשריבן:

„מע זאָגט אף די באָלשעוויקעס, אַז זיי ווילן קלייבן פּאָלי־טישן קאַפּיטאַל דערויף, וואָס זיי נעמען זיך אָן די קריוודע פון כינע.

„זאָל דאָס יעדערער אויסטייטשן, ווי ער וויל; ריכטיק איז אָבער איין זאַך, אַז די באָלשעוויקעס ווילן זיך דערנעענטערן צום כינעזישן פאָלק. ריכטיק איז, אַז זיי רופן אוף די כינעזישע מאַסן, זיי זאָלן זיך דערשלאָגן צו פרייהייט מיצאַד יענע, וועמען זיי זיינען ביז אַצינד פאַרשקלאַפּט געווען. זיי ווילן באַקומען אין כינע אַ פרייען, אומאָפּהייגיקן פאַרבינדעטן".

פאַרן טויט, 12 מאַרט 1925 יאָר, האָט זיך סון־יאַט־סען גע־ווענדעט צום צ. א. ק. פון פאַרבאַנד מיט פאָלגנדיקער מעל־דונג:

„איר שטייט אין שפּיץ פון א פאַרבאַנד פון פרייע רעפּוב־ליקן. דאָס איז די ירושע, וואָס דער אומשטערבלעכער לענין האָט פאַרזאָגט אלע פעלקער פון דער וועלט.

„מיט דער הילף פון דערדאָזיקער ירושע וועלן די קאָרבאָ־נעס פון אימפּעריאליזם זיך געוויס דערשלאָגן צו באפרייאונג פון יענעם צווישנפעלקערלעכן סיידער, וועלכער איז אונז פאַר־בליבן א זייכער פון אמאָל, פון דער צייט פון קנעכטשאפט, מיל־כאָמעס און אומגלייכקייט.

„שטארבנדיק, פארהאָף איך, אז גיך וועט קומען דער טאָג, ווען דער ראטנפארבאנד וועט באגריסן, אלס פריינט און פאר־בינדעטן, די פרייע מעכטיקע כינע און אז דעמאָלט וועלן דיביידע פארבינדעטע גיין האנט בא האנט אין קאמף פאר דער באפרייאונג פון די איבעריקע פארשקלאפטע פעלקער פון דער וועלט, גיין אין קאמף דערפאר און קומען צום זיג".

אין סון־יאַט־סענס לעוואיע האָבן זיך באַטייליקט העכער 100.000 מענטשן. באַגראָבן האָט מען אים לויט זיין באַגער אין נאַנקין אפן פּורפּור־באַרג.

סון־יאַט־סען איז געשטאָרבן, נאָר זיין ירושה איז געבליבן.

געבליבן איז די קאַנטאָנער רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

געבליבן איז דער גאָמינדאַן.

# 15. וואָס וויל גאָמינדאַן.

(אַ רעדע, פאַרשריבן אין קלוב פון גאָמינדאַן)

— אונזער פּאַרטיי האָט זיך איר וועג צום פאָלק. דעמדאָזיקן וועג האָט זי געפונען, מאַכמעס זי איז רעוואָלוציאָנער און וויל מיטאַמאָל איינרייסן מיט אַלץ, וואָס דריקט און קוועטשט די מאַסן. אַקוראַט אַזוי ווי אין 1911 יאָר האָבן מיר דאָס פאָלק געבראַכט צום סייכל, אַז מע דאַרף פאָטער ווערן פונם מינהעג פון טראָגן אַ צאָפּ, אַזוי ווילן מיר מאַכן אַ סאָף פון אלע איבעריקע אבער־גלויבנס און פאַרבלענדעניש פון אונזערע מאַסן.

— 10 יאָר שוין, אַז מיר האָבן אַ רעפּובליק. נאָר אונזער אַרבעט איז נאָך ניט פאַרענדיקט. ווען ס'יועט אַפילע פאַרוויר־קלעכט ווערן בא אונז די קאָנסטיטוציע, הייסט דאָס נאָך אויך ניט, אַז מיר האָבן שוין געוואונען און אַז מיר זיינען פאָטער פון קאַמף.

— די פּאַרטיי גאָמינדאַן איז ניט גלייך צו די איבעריקע פּאַר־טייען פון אונזער לאַנד. א׳ צום ביישפּיל, איז געווען איין פּאַרטיי, וואָס האָט געוואָל׳ אָפּוואַרפן די דינאַסטיע צין און אַרופזעצן די דינאַסטיע מין. ׳שטייט זיך, אַז מיט אַזעלכע פּאַר־טייען געהערן מיר זיך גאָר ׳ט אָן. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע האָבן מיר פאָרמולירט אונזער פּראָגראַם: נאַציאָנאַליזם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

— ביזן 1911 יאָר איז נאָך כינע אַלץ געווען אין די הענט פון די פרעמדע מאַנדזשורן. די רעוואָלוציע פון 1911 יאָר האָט די־דאָזיקע פרעמדע דינאַסטיע אַראָפּגעוואָרפן און דערמיט דעם ערשטן פּונקט פון אונזער פּראָגראַם אויסגעפילט, דעם פּונקט פון „נאַציאָנאַליזם". זי האָט אָבער אינגאַנצן פאַרזען די איבעריקע צוויי פּונקטן.

— וואָס פאַרשטיי איך אונטערן נאָמען „נאַציאָנאַליזם"? די פרייע אַנטוויקלונג פון אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין כינע.

אונזער פילפעלקערדיק לאַנד, וואָס איז באַזעצט מיט 400 מיליאָן כינעזער, אַ הייפעלע מאַנדזשורן, א מיליאָן מאָנגאָלן, 10 מיליאָן מאַכמעדאַנער און עטלעכע מיליאָן טיבעטער — נייטיקט זיך אין פעלקער־שאָלעם, אין פרידלעכן צוזאַמענלעבן און וואָלט זיך דאָס טאַקע לייכט דערשלאָגן, ווען ניט די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס צערייסן דאָס לייב פון איינהייטלעכן כינע. מאַנדזשוריע איז אונטערן שטיוול פון יאַפּאָניע, מאָנגאָליע האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַפרייט פון די אינטריגעס פון דעם רוסישן ווייסגוואַרדייער באַראָן אונגערן. טיבעט איז אין די הענט פון ענגלאַנד. צערייסענערהייט האָט קיין איינע פון די־דאָזיקע ראַנד־לענדער ניט די מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן מיצאַד דעם אימפּעריאַליזם. אַלע צוזאַמען אָבער אין איין גרויסער כינע פאַריייניקט, קאָנען מיר בילדן א שטאַרקע אומאָפּהייניגיקע מעלוכע, וואָס זאָל ווידערשטיין דעם אויסלענדישן קולעק.

— אויב מיר וועלן דאָס ניט טון, וועט דאָס זיין א גרויסער ביזאָיען פאַר אונזער נייער יונגער רעפּובליק.

מיר דאַרפן זען דערגרייכן, אַז כינע זאָל זיין די פאַריייניקטע „רעפּובליק פון די פינף ראַסן". דאָס איז אונזער פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

מיר גייען איבער צום צווייטן מאָמענט. וואָס איז בא אונז די טייטש פונם וואָרט דעמאָקראַטיע?

פון זינט סעהאָט בא אונז געהערשט די מאַנדזשורישע דינאַ־סטיע האָט זיך דאָס פאָלק געפונען אונטער א אומגעהייערן יאָך. אַצינד איז שוין דידאָזיקע דינאַסטיע אַראָפּגעשליידערט. דאָס פאָלק, קומט אויס, וואָלט שוין באדארפט געניסן פון פולקאָמענער פריי־הייט. לאָזט זיך אויס, אַז ניין.

פארוואָס־[illegible]ע ?

מאַכמעס אונזער פאַרטיי האָט נאָר דעם ערשטן טייל פון איר ארבעט אָפּגעטון, די צעשטער־אַרבעט.

דאָס פּאָזיטיווע שטייט איר ערשט פאָר אופצוטון.

אין אלע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע זיינען אין פאר־לויף פון די לעצטע פאָר הונדערט יאָר פּאָרגעקומען רעוואָלוציעס, וואָס האָבן געבראכט צום פּאַרלאמענטאַריזם. דער פּאַרלאַמענט אליין איז נאָך א קנאַפּע באוואָרעניש דערפאַר, אז אין לאנד הערשט אווירקלעכע דעמאָקראַטיע. קעדיי דאָס צו פארווירקלעכן פאָדערן מיר:

1) אַלגעמיינע וואַל־רעכט.

2) די רעכט אויסצוקלייבן און אראָפּצוזעצן באַאַמטע.

3) רעפערענדום־רעכט, ד. ה. אז באַזונדערס וויכטיקע געזעל־שאַפטלעכע שטרייט־פראַגן זאָלן געשטעלט ווערן צו אַלגעמיינער פאָלקס־אָפּשטימונג.

4) איניציאַטיוו־רעכט, ד. ה. אז יעדע גרופּע בירגער זאָל האָבן דאָס רעכט אַריינצוטראָגן אין פארלאמענט אזעלכע געזעצ־פּראָעקטן, וואָס זי רעכנט פאר געוואונשן.

— לעצטנס גייען מיר איבער צום דריטן, ס אָ צ י א ל ן פּונקט פון אונזער פּראָגראַם. דאָ שטעלן מיר אין דער ערשטער ריי די לייזונג פון דער ערד־פראַגע. מיר לייגן פאָר פּראָפּאָרציאָנעל פאַרטיילן די ערד לויט א געוויסער נאָרמע. ווער ס׳האָט מער פון דער נאָרמע, בא דעם דארף מען אָפּנעמען דעם אוידעף. אַכוצדעם, דארף מען ניט לויט איר פארנעם באשטימען די ערד, נאָר לויט איר ווערט. נעמט אומיסטן פונזינגט קאַנטאָנער שטאָ־טישע זעלבסטפארוואלטונג איז רעפאָרמירט געוואָרן און ס׳איז

אויסגעבעסערט געוואָרן דער שטאָט־פּארקער, האָט זיך שטאַרק א הייב געטון די פּרייז אף דער ערד, וואָס באַם ברעג, און נאָך אין אנדערע ערטער.

די ספּעקולאַטיווע פּרייזן אין דידאָזיקע ערטער האָבן דער־גרייכט צו צענדליקער טויזנטער דאָלאַר פאַר אַן אקר. דאָס אַלץ פאַלט אריין אין די קעשענעס פון יעכידים, וואָס לעבן נאָך דערצו פון פרעמדער האַרעוואַניע. און דאָס קומט פאָר ניט אין איין קאַנטאָן, נאָר אין אלע גרעסערע שטעט פון כינע.

נאָר די וויכטיקסטע פראגע — איז די פראגע וועגן די אויס־לענדער.

מיר האָבן ניט בעדייע אָפּצוזאָגן זיך פונם אויסלענדישן קאַ־פּיטאל און צו פארשליסן פאַר אים אונזערע טויערן. פארוואָס זאָלן מיר דאָס טון? אָט נעמט די אייזנבאַן־ליניע צווישן פּעקין און כאַנקאָו אָדער צווישן פּעקין און מוקדען. דידאָזיקעביידע ליניעס האָבן די אויסלענדער אויסגעבויט און אצינד גיבן דידאָזיקע ליניעס א גרויסע האַכנאָסע. מיר האָבן איצט אין כינע 5—6 טויזנט מייל אייזנבאַן־ליניעס, וואָס ברענגען אריין ביז 80—70 מיליאָן, ד. ה. מער, ווערליק דער ערד־שטייער גיט. אַוואַדע וואָלט בעסער גע־ווען, ווען מיר האָבן ניט קיין 6—5, נאָר 60—50 טויזנט מייל אייזנ־באַן־ליניעס. דער אויסלענדישער קאַפּיטאל קאָן אונז, פארשטייט זיך, אין דעם פראַט פיל צו נוץ קומען. דאָסגלייכן קאָן ער נוצן ברענגען באַם אַנטוויקלען אונזער באַרג־אינדוסטריע. נאָר די־דאָזיקע נוצן ווילן מיר פון אים בלויז דעמאָלט, ווען באַ אַלע אָפּ־מאַכן און קאָנצעסיעס וועלן אָפּגעהיט ווערן די אינטערעסן פון די כינעזישע פאָלקסמאַסן. פאַרוואַנדלען דערבײַ כינע אין א קאָלאָניע — דערוף וועלן מיר קיינמאָל ניט איינגיין.

די פראַגע פונם אויסלענדישן קאַפּיטאַל איז אייגג פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון אינדוסטריאַליזאַציע אין אונזער לאַנד. כינע איז נאָך אדאיעם א לאַנד פון האַנט־אַרבעט דעריקער. אונזער אופגאַבע איז אופצוהייבן די פּראָדוקציע אַף א העכערן



מאָנגאָליע
מאַנדזשוריע
פ. ס.
קאַלגאַן
פעקין
כאַרבין
מוקדען
נאַנקין
שאַנכײַ
קאַנטאָן
כײנאַן
טאָנקין
קעלונג
פאָרמאָזע
(יאַפּאַניע)
כינעזישע אײַזנבאַן
אויסלענדישע אײַזנבאַן
פּאָליטישע גרענעצן
פּראָווינצ. גרענעצן

# פראָווינצן.

1. טשזשילי.
2. שאנדון.
3. שאַנסי.
4. שענסי.
5. גאנסו.
6. כענאַן.
7. אַנכאָי.
8. צזיאנסו.
9. טשזעצזיאַן.
10. כובײ.
11. צזיאנסי.
12. פוצזיאן.
13. גואנדון.
14. כונאן.
15. גואנסי.
16. גויטשזשאָו.
17. סיטשואן.
18. יונאַן.

# אייזנבאַנען.

I. פעקין—כאנקאָו
II. טיאן-צזין—נאַנקין.
III. פעקין—מוקדען
IV. פעקין—סוען (← מאָנגאָליע).
V. כאַנקאָו—קאַנטאָן (צאָפן-טייל ניט פאַרענדיקט)
VI. צינראַאָ—צזינאן (שאנדונער א״ב).
VII. לון—כאַי.
VIII. שאנכאי—נאנקין.
IX. שאנכאי—כאנדזשאַן-נינבאָ.
X. טשענדין—טאי-יואן.
XI. דאוגאָו—צזינכוא (טאַאָצזינער).
XII. קאַנטאָן—כאַנקאו (דאָרעם-טייל ניט פאַרענדיקט).
XIII. קאַנטאָן—גאָודון.
XIV. קאַנטאָן—סומשוק.
XV. סוואטאָו—טשוטשאָו.
XVI. טשיטא (רוסישע א״ב).
XVII. אמורער א״ב (רוסישע).
XVIII. אוסיריער א״ב (רוסישע).
XIX. מיזרעך-כינעזישע א״ב (רוסישע).
XX. דאָרעם-מאַנדזשורישע (יאפאנישע).
XXI. קאָרייער.
XXI. פאָרמאָזער (יאפאנישע).
XXIII. טאנקין — יונאַן (פראַנצויזישע).

---

טעכנישן מאַצעוו, אַריינפירן דעם געברויך פון מאַשינעס אין א ברייטער מאָס.

— וואָס נאָך פאַר אַ פראַגן זיינען פאַרבונדן מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד ?

— די פראַגע פון פּאַרקער־וועגן. די הויפּט־וועגן פון אַלע צייטן אָן אין כינע זיינען די טייכן. נאָר דאָס, וואָס האָט געטויגט אינם 10־טן אָדער 12־טן יאָרהונדערט, גילט לאַבּסאָלוטן ניט



פּאַלאַנקין — אַ טראָגבעטל (גוויריש פאַרקער-מיטל).

פאַרן 20־טן. די עקזיסטירנדיקע טייכן דאַרפן פאַרבונדן ווערן דורך אַ ריי קאַנאַלן אין א געדיכטער, פּלאַנמעסיק־אָרגאַניזירטער נעץ פון וואַסער־וועגן. די שוין פאַראַנענע קאַנאַלן דאַרף מען אויסבעסערן. דאָס וועט מיטאַמאָל אופהייבן דעם סכוירע־עקספּאָרט פון די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד.

מע דאַרף אויך זען פאַרטיפערן דאָס בעט פון יאנצזי און ברייננגען אין אָרדענונג די דאַמבן באַ די בּרעגן זיינע, קעדיי די טיפזיצנדיקע אָקעאַן־שיפן זאָלן זיך קאָנען פולבאַלאַסטיקט אופ־הייבן ביז סאַמע כאַנקאָו.

די אויסבעסערונג און אָרגאַניזאַציע פון וואַסער־טראַנספּאָרט — דאָס איז בלויז די ערשטע אופגאַבע. ווייטער שטייט די פראַגע וועגן אייזנבאַן־פאַרקער.

טוט א קוק אף פאָלגנדיקער טאַבעלע:

## גרייס פון אייזנבאַן־ליניעס אין אייניקע לענדער אין 1921 יאָר.

| לאַנד | לייגנ פון אלע ליניעס אין קילאָמעטער | וויפל אייזנבאַן־ליניעס (די לייגנ) קומט אויס אף 1000 קוו. קילאָמ. |
|---|---|---|
| בעלגיע | 7.482 | 246 |
| שווייץ | 6.300 | 152 |
| גרויסבריטאַניע | 32.656 | 143 |
| דייטשלאַנד | 57.804 | 122 |
| טשעכאָ-סלאָוואקיע | 14.030 | 100 |
| אונגאַרן | 8.565 | 92 |
| פראנקרייך | 50.507 | 92 |
| עסטרייך | 6.876 | 78 |
| איטאַליע | 20.664 | 67 |
| פאַריינ. שטאַטן | 4 4.830 | 45 |
| יאַפּאַניע | 15.974 | 27 |
| ראַטנפאַרבאַנד | 68.444 | 3 |
| **כינע** | **21.816** | **1** |

אין פאַרגלייך מיט אונזערע גרויסע ערד־שטרעקעס מעגן מיר אייגנטלעך רעכענען, אַז מיר האָבן קלאַל ניט קיין אייזנבאַנען. וואָרום וואָס פאַר א ווערט האָבן די עטלעכע טויזנט מייל אייזנ־באַן־ליניעס אין אונזער ווייט־אויסגעשפּרייט לאַנד און בײַ אונזער געדיכטער באַפעלקערונג?

ערשט א יאָר 25 פון זינט מע האָט זיך מער ווייניקער א געם געטון צום בוי פון אייזנבאַן־וועגן, אי דאָס די אויסלענדער. די ערשטע כינעזישע אייזנבאַן־ליניע, וואָס איז געבויט אַף כינעזיש געלט און דורך כינעזישע אינזשענערן, איז ערשט פאַרענדיקט גע־וואָרן אין 1922. דאָס איז די ליניע פּעקין — קאַלגאַן — סוי־יו־אַן אין צאָפן־כינע.

— נאָר ניט די טייכן און ניט די אייזנבאַן־ליניעס, אויב מיר וועלן זיי אַפילע צען מאָל פאַרגרעסערן, זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרוואַנדלען גאַנץ כינע אין איין אייגנהייטלעכע טעריטאָ־ריע. צוליבדעם דאַרף מען פאַרברוקירן ניט ווייניקער פון א מיליאָן מייל אַקס־וועגן.

— צוליב דעמזעלביקן ציל—פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַריי־ניקונג פון לאַנד—האָבן מיר אויך אינזינען צו פאַרמערן די צאָל טעלעגראַפישע און טעלעפאָן־ליניעס און איינצוואָרדענען בײַ אונז אין לאַנד עטלעכע מעכטיקע ראַדיאָ־סטאַנציעס.

— דאָסגלייכן דאַרפן רעאָרגאַניזירט ווערן אונזערע אָקעאַ־נישע און טייכישע האפנס.

באַם אָקעאַן דאַרפן מיר האָבן, אַלקאָלפּאָנים, א דריי גרויסע האַפנס: צו איינעם אין צאָפן־, צענטער־ און דאָרעם־כינע, וואָס זאָלן זיין אַזוי אופנאַם־פייאיק, ווי ניו־יאָרקער האַפן, און זאָלן קאָ־נען איינג פאַרבינדן אונזער לאַנד מיטן וועלט־מאַרק.

— און רויוואַרג פאַרן וועלט־מאַרק, רויוואַרג פאַר אונזערע פאַבריקן פאַרמאָגן מיר איבערגענוג, מע דאַרף זיך נאָר דערצו דערגראָבן. אונזערע אויצרעס קוילן און אייזן זיינען נאָך קימאַט אומבאַרירט.

אכוצדעם פאַרמאָגן מיר קופּער, וואָלפראַם, אַנטימאָן (סורמע), קוועקזילבער, בליי, זילבער, גאָלד, נאַפט, צין. אייגנטלעך, ווי ווירקלעך גרויס דידאָזיקע אויצרעס זיינען — קאָנען מיר ניט זאָגן, מאַכמעס זיי זיינען קנאַפּ אויסגעפאָרשט.

ווען מיר האַלטן באַ דער פראַגע פון ברייטן אויסנוץ פון אונזערע נאַטור־אויצרעס, דאַרפן מיר אויך ניט פאַרגעסן אונזערע אויצרעס וואַסער־ענערגיע. מיר פאַרמאָגן אָן אַ שיר באַרג־טייכן, וואָס וואָלטן געקאָנט ברייגנען אין באַוועגונג הונדערטער מעכ־טיקע פאַבריקן. און אויב אַנדערע געגנטן, דערהייפּעך, זיינען אָרעם אין וואַסער ניט נאָר אַלס ענערגיע־קוואַל, נאָר פּאָשעט אין וואַסער צו באַוואַסערן די פעלדער, וועלן מיר אויך דאָ, אין אונזער מאָנגאָליע און אין כינעזישן טורקעסטאַן, מוזן דורכפירן א ברייטע באַוואַסערונג־אַרבעט אַקוראַט, ווי די רוסן באַוואַסערן זייערע באַוול־פעלדער־ראַיאָנען אין זייער טורקעסטאַן.

דאָס וועט אַסאַך פאַרברייטערן דעם שעטעך פון אונזער ערד־אַרבעט, וואָס מוז זיך אַצינד האַלטן פונדערווייטנס פון די וואַסערלאָזע סטעפּן.

— אונזער לאַנד איז איינס פון די עלטסטע ערדאַרבעטערשע לענדער אין דער וועלט. טויזנטער יאָרן זינט מיר זייען גערשטן, ווייץ און רייז, זינט מיר קולטיווירן זייד־ווערים און זייד־ביימער. פאַר די אייראָפּייער נאָך האָבן מיר געוואוסט פון באַוול. קוקט זיך אָבער צו, מיט וואָסער אַ אינווענטאַר מע באַאַרבעט באַ אונז די ערד: א אַקער פון אַ שטיק האָלץ מיט א צוגעקלאַפּט שטיקל אייזן, געראָטן אין דער רוסישער סאָכע. א זייַ־מאַשין פון אַ פוסטן קאַבאַק מיט לעכלעך אין דנאָ, דורך וועלכע די זוימען שיטן זיך אַרויס, ווען מע טרייסלט דעם קאַבאַק!

נאָר דער הויפּט־מאַכשיר פון כינעזישן ערדאַרבעטער איז אַפילע ניט די סאָכע, נאָר די גראָבהאַק און די לאָפּעטע. מיט דידאָזיקע מאָמעש אוראַלטע מאַכשירים ווערן באַאַרבעט אונזערע פעלדער, וואָס ווערן שוין אויסגעמאָגערט אין פאַרלויף פון פינף

טויזנט יאָר. קיין שום קינסטלעכע באַגיטיקונג, אַכוץ, ערטערווייס, מענטשלעכע צויע, וועלכע מע קלייבט זאָרגזאַם אויף און מיט וועלכער מע באַגיטיקט די ערד.

אַזאַ פּרימיטיווער אופן פון באַאַרבעטן די ערד מאַכט פונם פויער אַ קנעכט פון דער ערד, זויגט פון אים אויס דעם דאָם־האטאמציס (דעם לעצטן טראָפּן בלוט), און פונדעסטוועגן, נאָך



דאָרפישע הייזקעס.

אַלעמען, נאָך זיין שרעקלעכער האָרעוואַניע, קומט אים ערשט אויס צו ליידן פון אומגערעטעניש און פאַרטריקעניש. דער הונגער איז דער אָפטסטער גאַסט אין אונזערע פויערשע הייזלעך.

— פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעמדאָזיקן צושטאַנד פון דער ערדאַרבעט דאַרף מען מאַכן א סאָף. ס׳מוז פאַרבעסערט ווערן די טעכניק און איינגעפירט ווערן די נייסטע מאַשינען און מעטאָדן פון באַאַרבעטן און באַגיטיקן דאָס פעלד.

— דאָס וועט פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די הונ־דערטער מיליאָנען פויערים אונזערע, פון זייער דערנערונג, פון זייערע וואוין־באַדינגונגען, פון זייער געזונט־צושטאַנד.

— די וואוין־באַדינגונגען זיינען דאָך אַצינד באַ אונז שרעק־לעכע. די וואוינונגען זיינען אַזוי שמוציק און אַזוי געדיכט באַזעסן, אַז ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס קריינק און עפידעמיעס געפינען דאָ אַ ברייט פעלד.

— די אינדוסטריאַליזאַציע פון נייע געגנטן און די באַוואַ־סערונג פון נייע טעריטאָריעס וועט געבן די מעגלעכקייט דער באַפעלקערונג גלייכמאָסיקער צו באַזעצן דאָס לאַנד און אופהייבן די אָפגעשטאַנענע מאַסן אונזערע אַף א העכערער שטופע פון מאַטעריעלן און גייסטיקן וואוילשטאַנד.

— די שאָ פון ניצאָכן איז נאָענט, מיר וועלן איינגיכן דער־לעבן, אַז פון גוואַנדונער פּראָווינץ און קאַנטאָן וועלן זיך אונזערע פרינציפּן פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ כינע. די באַפעלקערונג פון די ברעגן פון יאַנצזי און כואנכע וועלן אונז איינגיכן נאָכפאָלגן, און דעמאָלט וועט כינע אופגעריכט ווערן!

## 16. אַ ניי קאַפּיטל כינעזישע געשיכטע.

מיטן אַריינדרינגען פונם אויסלענדישן קאַפּיטאַל קיין כינע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרויסער קלאַס פון פאַבריק־אַרבעטער. די אָרעמערע באַלמעלאָכעס פאַרמאַכן זייערע וואַרשטאַטלעך און גייען איבער אין די גרויסע אויסלענדישע און כינעזישע אונטערנעמונ־גען, באַזונדערס איז אויסגעוואַקסן די צאָל כינעזישע אונטער־נעמונגען אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מילכאָמע, ווען די אייראָפּייאישע מעלוכעס האָבן זיך געריסן צווישן זיך און צו רו געלאָזט כינע. אין שאַנכאַי האָט זיך ברייט אַנטוויקלט די טעקס־



געקומען פון דאָרף.

טיל־אינדוסטריע, האָט מען אים דעריבער אַ נאָמען געגעבן „דער מאַנטשעסטער פונם ווייטן מיזרעך".

דער ארבעט־לוין אף די כינעזישע פאבריקן איז אַ שפּאָט קליי־נער, אדאנק דעם קאָלאָסאלן אָנבאָט פון ארבעט־הענט.

באַזונדערס שטאַרק ווערן עקספּלואַטירט פרויען און קליינ־וואַרג. דער ארבעט־טאָג איז אין כינע ניט רעגולירט, ארבעט מען צו 20—16 שאָ אין מעסלעס.

און די סכירעס באַטרעפן בא אַ צען קאָפּיקעס אַ טאָג אף אונזער געלט!

איז וואָס פאר אַ כידעש, אויב אַ קוואַליפיצירטער באַלמע־לאָכע באַקומט אין כינע פאר 16—14 שאָ ארבעט אַ 30 קאָפּיקעס אַ טאָג!

די ארבעט אָבער אף דער פאבריק רעוואָלוציאָניזירט אינגאנצן די פּסיכיק פונם ארבעטער. ער ווערט דורכגעדרונגען מיט גייסט פון אומצופרידנקייט פון איין זייט, און פּראָלעטארישער סאָלידאַ־רישקייט — פון דער צווייטער זייט.

צווישן די קוליס און זייערע איראָפּיאישע און כינעזישע ברויטגעבער שפּילן זיך דעריבער אָפּ די לעצטע צייט ערנסטע צוזאמענשטויסן.

אין 1912 יאָר האָבן די ארבעטער מעטאַליסטן צום ערשטן מאָל דערקלערט אַ שטרייק. דאָס איז געווען דער ערשטער טראָט פון דער כינעזישער ארבעטער־באַוועגונג.

אין פעווראל פון 1923 יאָר, בעשאסן שטרייק אף דער פּעקין־כאנקאָוער אייזנבאַן, האָט דער כינעזישער ארבעטער־קלאַס זיין ערשטע בלוט־באָד באַקומען. די סאָלדאטן האָבן ארומגערינגלט דעם אייזנבאנער־פאריין און דאָרט געמאכט אַ שכיטע. דעם פאָר־זיצער פונם פאריין האָט מען דאָ גלייך אפן פּלאַץ אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פאר די אויגן פון גאנצן אוילעם. און דאָס אַלץ דער־פאר, וואָס די ארבעטער פון באַן האָבן געפאָדערט, מע זאָל פאר־בעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע.

די לעצטע יאָרן זיינען אין כינע אופגעקומען פּראָפּעסיאָנעלע פאריינען. אין איין קאַנטאָן געפינען זיך 134 פאַריינען. גלייכצייטיק וואקסט אויך די פּאָליטישע אקטיווקייט פון אַרבעטער־קלאַס, צו וועלכן ס'שטייען־צו די בעסערע און פּאָרגעשריטענע עלעמענטן פון דער סטודענטשאפט און אינטעליגענץ.

אין 1920 יאָר האָבן זיך באוויזן אין כינע די ערשטע שפּראָצונגען פון קאָמוניזם. אַצינד פארמאָגט שוין כינע אן אָרגאַניזירטע קאָמוניסטישע פארטיי, וועלכע ארבעט־מיט מיטן לינקן פליגל פון גאָמינדאַן.

וואָס דעם ארבעטער־קלאַס וועט געבן זיין פאריייניקונג און אָרגאַניזאַציע, באווייזט אונז דער שטרייק פון די יאַם־ארבעטער אין גאָנקאָנג אין 1922 יאָר, וועלכער האָט אַ שטאַרקן רוישעם געמאכט אין אלע קרייזן אין־און אויסער כינע און האָט זיך פארענדיקט מיטן ניצאָכן פון ארבעטער־קלאַס. אין שטרייק האָבן זיך באטייליקט איבער 100.000 מאַן. טכילעס האָט זיך דער שטרייק אָנגעהויבן פון 10.000 מענטשן, וואָס האָבן געפאָדערט, מע זאָל זיי העכערן דעם לוין. דערנאָך זיינען די שטרייקער אוועק קיין קאַנטאָן, וואו די כינעזישע באפעלקערונג, דער־קער די פאריינען, האָבן פאר זיי אָרגאַניזירט הילף. מיט דער קאַמפּאַניע האָבן אָנגעפירט גאָמינדאַן און די קאָמפּארטיי. די צאָל שטרייקנדיקע האָט געשטיגן פון טאָג צו טאָג. אין גאָנקאָנגער ..בן זיינען שוין געשטאַנען 166 שיפן אָן באוועגונג. די איינגל..דער האָבן, פארשטייט זיך, געפּרואווט אַראָפּברייגען שטרייקברעכערס, נאָר די פּראָפּפאריינען האָבן דאָס ניט דערלאָזט. האָבן, נעבעך, די איינגלענדער געמוזט פארבויגן דעם קאָווער און נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די כינעזישע קוליס.

דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקע לעקציע פארן דערשלאָגענעם כינעזישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט ביז דעמאָלט געמיינט, אז קעגן די אויסלענדער און זייער עקספּלואַטאַציע איז קיין שום טרופּע ניטאָ.

# 17. איבער די גאַסן פון שאַנכאַי.

שאַנכאַי — די באַם־יאַמיקע הויפּטשטאָט פון דאָרעם־כינע, באַגעגנט אייך מיט אַ טומל און ראַש.

אַ הונדערט־שטימיק געפּייף פון פּילצאָליקע שיפן, אַ געקלאַנג פון קייטן, אַ אומבעראכמאָנעסדיק קלאַפּעריי, געשרייען, טומל און געפּילדער, — און דאָס אלץ אונטער די סארפנדיקע שטראלן פון דער העלער דאָרעם־זון.

און אויך דאָ, ווי אומעטום, דאָס בילד פון שווערער שקלאַפן־פראַצע פאר אַ נישטיקן לוין, וואָס קלעקט קאָם אַף צו ניט אויסגיין פון הונגער.

טויזנטער אנטבלויזטע, אויסגעמאַטערטע פון אָנגעשטרייִנגטער האָרעוואניע, קערפּערס, שמוציקע, ביינִיקע, מיט פּיצלעך צעריסענע שמאַטעס אפן לייב.

דאָס איז דאָס בילד פון שאנכאיער האפן.

שאנכאַי איז אַ שטאָט מיט אַן אויסגעשפּראָכענער קלאסן־פּיזיאָנאָמיע. זי טיילט זיך אף צוויי טיילן — דער „אינטערנאַציאָנאלער קווארטאל“ און די „כינעזישע שטאָט“.

בעאייס די שטאָט פון די כינעזער, די „באלעבאטים“ פון לאנד, זינקט אין שמוץ און געשטאַנק, איז דער קווארטאל פונם קליינעם הייפעלע אויסלענדער לאכלוטן אן אייראָפּייאישער.

ברייטע גאסן, פארגאָסן מיט אַספאלט. בא די זייטן—גרויס־ארטיקע האָטעלן, רייכע בלומענקלומבעס, רעסטאָראנען, פונוואנען סע הערט זיך טאָג ווי נאכט אַ פריילעכע מוזיק.

רייענווייס ציען זיך איבער די גאסן די גלענצנדיקע באקוועמע אוטאָמאָבילן פון די עמעסע באלעבאטים פון לאנד, פון די אויסלענדער.

רייענווייס לויפן אויך די ריקשעס — די „מענטשן־פערד“. אָט האָט זיך אַ האלבנאקעטער מענטש מיט ניט קיין צוגעדעקטן צעשויבערטן קאָפּ איינגעשפאנט אין אַ קליין וועגעלע.

דאָס איז דער „באַלעבאָס פון לאנד״ — אַ כינעזער, און אין וועגעלע אינעווייניק זיצט זיך מאַיסע־באַלעבאָס אַ ריין און ציכ־טיק אָפּגעגאָלטער איינגלענדער (אָדער אַן אמעריקאנער, אָדער אַ פראנצויז), זיצט זיך ארויסגיי־טעלט פאָרויס די דיקע פיס אין די לאַקירטע שיך. און דער קשע ציט אויס פונפאַרנט־צו דעם קאָפּ, פארהוסט זיך, אַז קאָם וואָס ער כאפּט דעם אָטעם, און



אַ ריקשע.

לאָזט זיך אוועק פאָרויס, יאָגנדיק זיך און דעריאָגנדיק אַן אַנ־דערש מאָל אַ פערד. און אויב דער „רייטער״, וואָס ליגט זיך צעלייגט ווי אַ פּאַרעך אין וועגעלע, איילט ערגעץ־וואו און האָט מוירע צו פארזאמען, גיט ער דערפון צו וויסן דעם ריקשע מיט אַ שטויס אין פּלייצע, מיטן אויסגעשטרעקטן גלאַנציקן שטיוול אין דער פארברוינטער כינעזישער פּלייצע.

פארשטייט שוין דער ריקשע, וואָס מע מיינט, און לאָזט זיך האסטיקער מיט זיין לאסט גאס איין—גאס אויס... מער איידלערע פריצים נוצן ניט צוליב דערצו די געפוצטע שיך. זיי טראָגן מיט זיך שטענדיק אַ „סטעק" (שטעקעלע), און צורירנדיק זיך צום כי־נעזערס רוקן — טראָגט זיך שוין יענער, ווי פייל פון בויגן.

ריקשעס צום פירן מענטשן איז אין שאנכאי מער פון 20.000. און נאָך אזויפיל ריקשעס זיינען פאראַן, וואָס פארבייטן מאסע־פערד און לאַד־מאשינעס. אין פעקין דערגרייכט די צאָל ריקשעס ביז 80.000.

די ריקש־מאשין איז די ביליקסטע. זי פאָדערט ניט קיין בענזין, ניט קיין ארומגאנג, ווי אַ פערד. היינט קאָסט איר האָ־דעוואניע אויך ביליקער.

פאר אַ פיאַטאַקל אף אונזער געלט וועט ער דורכלויפן 3—2 ווערסט מיט אַ מאסע פון עטלעכע פוד. מער פון קיין 40—35 יאָר לעבט ניט קיין ריקשע. אָט־אָ דאָ אין וועגעלע אונטערן זיץ ליגט בא אים אַ פאָרל וועש, טופליס, אַ שטיק פּאָפּאָלעק — און אָט דאָס איז זיין גאַנץ פארמעגן! די געראָטנסטע ריקשעס, וואָס זיינען מאצליעך, פארדינען אַ רובל אַ טאָג אף אונזער געלט. לויפנדיק איבער דער גאס, כאפן זיי איבער אַ פאָר רייזענע לאט־קעס אָדער אנדערע מאכאָלים, וואָס זיי האנדלען איין פאר אַ גראָשן (טונזיר = ¼" קאָפּ.) בא די גאסן־טרעגערס פון הייסע מאַכאָלים.

און אויב אַ ריקשע, וואָס איז זיך אָנגעלאָפן און אויסגעלאָפן אָן אַ שיר גאַסן, וועט נאָך אַ שרעקלעכן טאָג פון פערדישער האָ־רעוואניע, פערדישער האָרעוואניע אף מענטשלעכע פלייצעס, — אויב נאך אזא טאָג וועט ער אומפאלן אָט־אָ־דאָ טאקע לעם זיין „פאסאזשיר" אָדער זיין „באגאזש", — איז אַ קליינער אומגליק. קיינער וועט זיך עס ניט נעמען צום הארצן. ער איז אַ „פרייער מענטש" און האָט דעם באלעבאָס, וועמען ער פירט שטענדיק, סיידויסיי גאָרניט געקאָסט. טויזנטער אנדערע ריקשעס, כינעזישע

פויערים, פון דער ערד פּארטריבענע צוליב די אומדערטרעגלעך־גרויסע צינשן, וועלן קומען אפן אָרט פונם געפאלענעם ריקשע.

און דאָס וועגעלע וועט ווייטער זיך זיין וועג לויפן... און בא דער זייט וועלן זיך ווידער ציען רייען אווטאָמאָבילן מיט זאטע אויסגעפּוצטע מענער און אויסגעצאצקעטע דאמען. אָט לויפט אַ ריקשע — מיט אַן איינגלענדער אין אַ צילינדר. נאָך אַ ריקשע,— נאָך אַ צילינדר, און נאָך און נאָך...

כאַפּט אַ קוק אריין אין גאסן־קאפע, וואָס טרינקט זיך אין גרינס, וועט איר נאָכאַמאָל זען צילינדרען און דאמען־היטן בא די מירמלנע טישעלעך, בא זילבערנע סערוויזן מיט פריש געבעקס און זיך־רויכנדיקע קאַווע.

— איר כידעשט זיך, פונוואנען נעמען זיך אזויפיל צילינדרען? פארגעסט ניט, אז איר זיינט אין שאַנכאַי. און שאנכאי איז די שטאָט פון ספעקוליאנטן. דאָס זיינען אַלץ מעקלער אָדער ביר־זשעוויקעס.

נאָר ניט גאנץ שאנכאי איז אין צילינדרען. דער גרעסטער טייל שטאָט זינקט אין דאלעס. דאָס האָט איר שוין מיסטאמע באמערקט, ווען איר זיינען דורכגעגאַן דורך די רוישיקע גאסן פון האפן.

עפּעס האָט איר דאָרט באמערקט, אַז אינם אלגעמיינעם ראַש האָט זיך אויסגעטיילט איין שיף־צושטיי־פּלאץ, וואו ס'איז געווען טויט־שטיל?

דאָרט איז היינט אַ שטרייק.

צוליב וואָס?

נעכטן האָט דער פּארוואלטער מיט דער אויסלאָד־ארבעט דערהארגעט אַ ריקשע, דערפאר וואָס ער האָט ניט געקאָנט איינ־האלטן אַ צו־שווערן זאק און ער איז בא אים ארויפגעפאלן. האָבן די ארבעטער פארשטרייקט. פינף טעג שוין, ווי מע לאָדט קיין איין שיף ניט אויס.

נו, און שוין־זשע — כידעשט איר זיך — וועט דער מערדער ניט ווערן באשטראָפט?

מע וועט אים מישפּעטן, נאָר ניט לויט די כינעזישע געזעצן. ער איז דאָך אַן אויסלענדער, און אויסלענדער זיינען דאָ אין אַ באַזונדער לאגע, זיי מעגן מישפּעטן ניט די אַרטיקע כינעזישע געריכטן, נאָר די ספּעציעלע געריכטן פון זייער לאנד. פאַרשטייט איר שוין, וואָס פאַר אַ שטראָף ער וועט באַקומען! מע וועט אים מיסטאמע פאַרורטיילן אָפּצאָלן 20—30 דאָלאַר שטראָף.

— און גאָר?

— און גאָר! וואָדען? ס'דאָך מער ניט ווי אַ כינעזער. האַגאם די לעצטע צייט זיינען די קוליס (אָנלאָדערס) און די ריקשעס אַביסל געקומען צום סייכל און לאָזן זיך שוין ניט שפּייען אין דער קאַשע. זיי דערלאָזן שוין ניט, מע זאָל זיי באַאוולענען, אָפּנארן באַם כעשבן. זיי פּרואוון אויך פּראָטעסטירן קעגן שטעקעלע פונם עלטסטן. זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם קויעך פון פאַראייניקונג, דעם קויעך פון אָרגאַניזאַציע און שטרייק.

אָט דערפאַר שווייגט דאָ אַזוי שטיל איין שיף־צושטיי־פּלאַץ אינם רוישיקן טומל פון שאַנכאַיער האַפן.

## 18. בלויז פאַר אויסלענדער.

ניט ווייט פונם האַפן, אין שאַנכאַיער „פּובליק־גאַרדן" („געזעלשאַפטלעכער סאָד"), שטייען אַ פּאָר מיו־מלענע ביינק. עפּשער ווילט איר זיך צוזעצן?

אויב איר זיינט ניט קיין כינעזער — מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, זיצט אייך געזונטערהייט, וויפל איר ווילט!

זיינט איר אַ כינעזער? איז בעסער גייט ווייטער! איר זעט דען ניט דעם אויפשריפט אויף דער באַנק:

„ב ל ו י ז פ אַ ר א ו י ס ל ע נ ד ע ר".

סטייטש! אין כינע זאָל אַ כינעזער ניט האָבן דאָס רעכט צוצוזעצן זיך אויף אַ באַנק אין גאָס? „באַ זיך אין כינע!"

אָט אָ דאָס איז טאקע דער אומגליק, וואָס „כינע איז נישט באַ זיך אין כינע".

דער אויסלענדישער קוואַרטאַל איז ניט „אין כינע". ער איז „עקסטעריטאָריאַל" אף דיפּלאָמאטיש לאָשן. און די טייטש דערפון



„פּובליק-גאַרדן".

איז: אינם דאָזיקן קוואַרטאַל זיינען אויסלענדער — באַלעבאַטים, און כינעזער — אויסלענדער. דאָ איז א גראָשן ווערט גאַנץ כינע מיט אלע אירע געזעצן. דאָ הערשט דער געזעץ פונם ענגלישן, פראַנצויזישן אָדער אַמעריקאַנישן באַגנעט און פונם הויכן פּאָליציימאַן — אַ געדונגענער אינדוס, אָט דער, וואָס שטייט אפן ראָג אין ווייסן געקליידעט מיטן סטעק אין דער האַנט.

ניט זעלטן דערלאַנגט דערדאָזיקער אינדוסישער פּאָליציימאַן מיטן סטעק איבער דער גאַקעטער פּלייצע פון א כינעזישן קולי. און ווען דו דערמאָנסט זיך בעשאַסמאַיסע, אז דערזעלביקער אינדוס, וואָס זיינע ברידער שמאַכטן אונטערן ענגלישן יאָך אין

אינדיע, העלפט דאָ די איינגלענדער אָנצואוואַרפן דעם יאָך אפן האַלדז פון אַ צווייט פאָלק, פון די כינעזער, וואָס האָבן זיך פאַר־פלאָנטערט אין דער נעץ פון די אימפעריאַליסטישע ראָצבים,— ווייסטו ניט אף וואָס זאָלסטו זיך מער כידעשן, צי אף דער גע־שיקטקייט פון די איינגלענדער, וואָס קאָנען אויסנוצן אַלץ און אַזוי אַרום די וועלט פאַרשקלאַפן, צי אפן געדולד און גע־האָרכזאַמקייט פון דידאָזיקע אינדוסן און כינעזער און די איבע־ריקע מיזרעך־פעלקער...

די אימפעריאַליסטישע מעלוכעס באַוואָרענען זיך דאָס רעכט צו האַלטן „אייגענע פאָליציי", בעשאַס זיי נעמען קאָנצעסיעס. זיי טאַינען דערביי, אז זיי קאָנען זיך ניט פאַרלאָזן אף די כינעזער באַם פאַרטיידיקן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון זייערע אונטער־טאַנען.

איז פריער הייבט זיך דאָס אָן פון אייגענער פאָליציי, און נאָכדעם ריידן זיי זיך אויס דאָס רעכט צו עפענען פאַר די זיי־עריקע אָן אייגן געריכט, מאַכמעס זיי קאָנען זיך קלוימערשט ניט אונטערוואַרפן די אזיאַטישע געזעצן. און אזוי באַקומען די אויס־לענדער, באַם נעמען קאָנצעסיעס, איין אויסנאַם־רעכט נאָכן צווייטן, איין פריווילעגיע נאָך דער צווייטער. דידאָזיקע אַלע געזעצן צוזאַמען בילדן „דאָס עקסטעריטאָריאַלע רעכט" פונם אויסלענדער. אַדאַנק דידאָזיקע רעכט איז אַן איינגלענדער אין כינע פיל מער פריווילעגירט, איידער ווי בא זיך אין איינג־לאַנד. מאַכמעס דאָרט האָט ער דאָך צו טון מיט „גלייכע מיט אים בירגער", און דאָ „אינדערפרעמד" איז ער דער „אויסדער־ווײלטער". אף דער אָרטיקער אַרבעטער־באַפעלקערונג קוקט דער איינגלענדער, ווי אף באַלעכאַים, וואָס זייער אוודע איז גיין אין שפּאַן, אַרבעטן מיטן בלוטיקן שווייס און פאַרשאַפן רייכקייט און באַקוועמלעכקייטן פאַר די אויסלענדישע פּאַראַזיטן.

דאָס „עקסטעריטאָריאַלע רעכט" אָדער, לאָמיר דאָס בעסער אָנרופן — די אויסנאַם־פריווילעגיעס פון די אויסלענדער טראָגן

אריין אַזאַ פלאָנטער אינם כינעזישן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, אז אונז איז זיך דאָס שווער פאָרצושטעלן.

אויב א כינעזישער סוחר איז פאַרשולדיקט און דער כינעזישער געריכט וויל בּאַ אים איינמאָנען די כויוועס, גייט ער אוועק צו אן איינגלישן סוחר און שרייבּט איבּער זיין גוטס אפן נאָמען פונם איינגלענדער. בּלייבּט שוין דער כינעזישער געריכט און אלע פאַראָרעמטע קרעדיטאָרן בּאַ גאָרניט. דער כינעזישער געריכט קאָן ניט ארופלייגן קיין אַרעסט אף קיין אויסלענדיש פאַרמעגן. און אזעלכע מאַיסים מאַכן זיך גאָרניט זעלטן.

פארשטייט זיך, אז דער איינגלענדער שיינקט ניט זיין פירמע צוליבּ אוילעמאַבּע. זויגן זיך אָן צווי פּיאַווקעס, איינע א כינעזישע, די צווייטע אן איינגלישע, מיטן אָנגעקליבּענעם גוטס פון די כינעזישע קליינע מענטשעלעך: אַרבּעטער, פויערים און קליינקרעמער.

זאָל אופּייפו, אָדער טשושאַנזאָלין, אָדער אן אַנדער כינעזישער דוצזיון (געגעראַל־גובּערנאַטאָר פון אַ פּראָווינץ) כאַפּן די מאַפּאָלע — זיין לעבּן איז אָבּער באוואָרנט! ער וועט אַנטלויפן אף דער טעריטאָריע פון אן אויסלענדישער קאָנצעסיע — און ער איז גערעטעוועט: קיינער וועט זיך אהינצו ניט דערוועגן ארייננרייסן!

די מאַפּאָלע וועט האָבּן דאָס כאיל. ער אָבּער, דער גענעראל מיטן שטאַבּ, ריזיקירן מיט גאָרניט.

דערפאר טאַקע זיינען אין כינע אזוי פּילצאָליק די קאָלערליי ארמייען און ארמייעלעך. די אָרגאַניזאַטאָרס זייערע שטעלן גאָרניט איין און ווערן גאָרניט אָן אין פאַל פון אַ מאַפּאָלע. דערפאַר אָבּער קאָן דער ניצאָכן בּריינגען רייכע פרוכטן פון בּיידע זייטן: אי פון די אָפּגעראבּירטע פּראָווינצן, אי מיצאַד דער רייכער אויסלענדישער מוּמע, וואָס איז פאַרינטערעסירט אינם כינעזישן בּירגער־קריג. ווייל קאָלזמאַן די כינעזער רייסן זיך צווישן זיך,

לעקט דער איינגלענדער (און פראַנצויז א. א. וו.) אָפּ א ביינדל פון זיין „עקסטעריטאָריאַל־רעכט“. ווײַבאַלד אָבער כינע וואָלט געקומען צו זיך און געוואָרן שטאַרק און פאַרייניקט, וואָלט זי דאָך געריסן [illegible] צו די פריווילעגיעס פון די אויסלענדער.

דעריבער האָט [illegible] איטלעכע כינעזישע גרופּירונג הינטער זיך א רייכן פעטער, וואָס דערלאַנגט איר „שטילע מאַטאָנעס“: געווער, אַמוניציע, פּראָוויאַנט, געלט־שטיצע א. א. וו.

און דעריבער בייט ניט זעלטן יעדע גרופּירונג (ד. ה. דער דוצזיון, דער גענעראַל) איר „אָריענטאַציע“. היינט איז מען אַף דער זייט פון יאַפּאָניע, און מאָרגן אַף דער זייט פון איינגלאַנד.

אַלץ איז געווענדט אין דער אויסגעשטרעקטער אויסלענדי־שער האַנט, צי זי איז ליידיק, צי פול, און ווי פול, וויפל!

אַזוי אַרום שפּילט זיך די לעצטע 15 יאָר אָפּ אין כינע דער בירגער־קריג באַם אַקטיוּוסטן אַנטייל און איניציאַטיוו פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, וואָס ציען באַ די שטריקעלעך די דוצזיונעס פון די פאַרשיידענע פּראָווינצן און רייצן זיי אָן איינעם אַפן אַנדערן.

אַצינד פרעגט זיך א קאַשע, צי איז גערעכט דאָס טמימעס־דיקע כינעזישע פאָלק, וואָס האָט די אויסלענדער אַ נאָמען גע־געבן: „די שיידים פון יענער זייט יאַם“?

# 19. אין האַרצן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע.

(קאַנטאָן)

אַפן לינקן ברעג פון דעם פּערלמוּטערנעם טייך, א ווערסט 60 די ווייט פונם אַריינפאַל זיינעם אינם דאָרעם־מאַירעוודיקן יאַם, ליגט די גרעסטע שטאָט פון דאָרעם־כינע — קאַנטאָן, אַף כינעזיש — „גואן [illegible]־פו“.

דידאָזיקע שטאָט האָט [illegible]ער זיך א בלעטל אינטערעסאַנטע עקאָנאָמישע געשיכטע.

אין דער צייט, ווען גאַנץ כינע איז נאָך געווען פאַרשלאָסן פאַר אויסלענדער הינטער זיבן שלעסער, האָט נאָך אין 1684 יאָר די איינגלישע האַנדלס־אונטערנעמונג „אָסט־אינדישע קאָמפּאַניע" איינגעאָרדנט דאָ אירע א „פאקטאָריע", ד. ה. א האַנדלס־אָפּטיילונג.



האנדלס-גאס אין קאַנטאָן.

פאַר זיי נאָך, מיט פיל דורעס צוריק, זיינען אהערצו אריינגעדרונגען, אָנהייבנדיק פונם 10־טן יאָרהונדערט, די אַראַבער, וואָס האָבן געפירט א האנדל מיטן ווייטן מיזרעך.

דער אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין 1842 יאָר אין נאַנקין צווישן כינע און די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, האָט פאַר די לעצטע געעפנט אין כינע אלע טיר און טויערן, אין

דער ערשטער ריי — די טויערן פון דער אלטער כינעזישער האנדלס־שטאָט, פון קאַנטאָן.

האַגאַם דידאָזיקע טויערן זיינען פאַר זיי אויך פריער אָפן געווען, נאָר נאָך נאנקינער אָפּמאַך האָט זיי דער ארייינגאַנג אין דערדאָזיקער טיר געקאָסט מאַמעש אַ שיבעש: די צאָל־טאריפן פונם אַריינפיר און אַרויספיר זיינען געווען אומבאַגרייפלעך נידעריק.

אָטאָ דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָלדן שטיקל צייט פאַר די וועלט־רויבער. די אָקעאַנישע שיפן פלעגן זיך אופהייבן אַרופצו מיטן פּערלמוטערנעם טייך גלייך צו קאַנטאָן־צו און פלעגן דאָ איינהאַנדלען די כינעזער די אייראָפּייאישע סכוירעס פאַר די „עמעסע" פרייזן.

איינגיכן האָבן אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט קאַנטאָן אנדערע נייע פּאָרטן, וואָס זיינען אופגעקומען בישכיינעס. נאָר אַדאַיעם נאָך פאַרבלייבט קאַנטאָן איינער פון גרעסטע האַנדלס־צענטרען פון כינע.

נאָר דערמיט לאָזט זיך נאָך ניט אויס זיין גאַנצע ווערט. די אייראָפּייער האָבן זיך ניט באַנוגנט מיטן האנדל. זיי האָבן אָנגעהויבן איינפלאַנצן דאָ א אינדוסטריע, אויסנוצנדיק דערצו די לעגענדאַריש־ביליקע האָרעוואַניע פון די אונטערטעניקע כינעזער.

אין דער שטאָט מיט א צוויימיליאָניקער באַפעלקערונג האָבן געגומען וואקסן און מערן זיך די גרעסטע כינעזישע פאַבריקן: פון באוולנע שטאָפן, צעמענט, גלאָז, שוועבעלעך און אנד.

אף אַזאַ אויפן איז אופגעקומען אַ אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט.

קאַנטאָנער פּאָרשטעט דערמאָנען מיט זיך די פּאָרשטעט פון די גרויסע אייראָפּייאישע פאַבריק־צענטרען: אומעטום — פאַרויכערטע קוימענס, קאַלטע מעכאַנישע פאַבריק־געביידעס און דאָס הודזשעניש פון מאשינען.

צענדליקער טויזנטער ארבעטער וואלגערן זיך אין די קאנ־
טאָנער פאָרשטעט, פאַרקויפנדיק זייער אַרבעט פאַר גראָשנס די
אייראָפּייאישע און יאפּאנישע פאַבריקאַנטן. דאָ געפינען זיך
פילטויזנטיקע ארמייען פון כינעזישע פּראָלעטאריער, וואָס וואקסן
אין צאָל, און ניט בלויז אין צאָל, נאָר אויך קולטורעל.



א גאס אין פעקין.

פעקין — די הויפּטשטאָט פון כינע - מאכט אף אייך אן איינ־
דרוק מיט איר קאנצעלאריש־פּאָרמאליסטישער קאלטקייט. זעלטן
ווען איר זעט דאָרט אַ פאַבריק־קוימען. זעלטן באגעגנסטו דאָרט
באוואוסטזיניקע אָרגאַניזירטע ארבעטער.

אין קאַנטאָן אָבער האָט איר אף שריט און טריט, פון איין זייט, געשעפטמאַכערס, רויבערישע און מאַמזערישע פאַבריקאַנטן און הענדלער, און פון דער צווייטער זייט פּראָלעטאַריער, וואָס אָרגאַניזירן זיך שוין די לעצטע צייט אין פּראָפאַריינען און אין פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס.

צוזאַמען מיט שאַנכאַי גייט קאַנטאָן אין שפּיץ פון דער כינעזישער באַוועגונג און פירט מיט איר אָן.

אין די יאָרן 1920—1921, ווען אין כינע האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַדייטנדיקע שטרייק־באַוועגונג אלס א פּראָטעסט און קאמפּס־מיטל אינם שטרייט מיטן אויסלענדישן קאַפּיטאַל, איז קאנטאָן געגאַן אפן ערשטן אָרט אינם פּראַט פון דער צאָל שטרייקן. פון אַלע שטרייקן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט איבער ג א נ ץ כינע, פאַלט אפן גוירל פון איין קאנטאָן א 1/3, אפן גוירל פון שאַנ־כאַי — א 1/4.

דאָסגלייכן פאַרנעמט קאנטאָן דאָס ערשטע פּלאַץ לויט דער צ אָ ל ש ט ר יי ק נ ד י ק ע. אינם שטרייק פון די פּולווער־פאַבריקן האָבן זיך באַטייליקט 5.000 מאַן, אינם שטרייק אף די יאַפּאַנישע פאַבריקן—10.000.

דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס קאַנטאָן איז אויך דער צענטער פונם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, ריכטיקער—פון דעם רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישן לעבן. דאָ געפינען זיך די צענ־טראַל־קאָמיטעטן פון גאָמינדאַן און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אף די גאַסן פון קאַנטאָן ליגט א שטעמפּל פון קאמפּלוסטי־קייט, פון מיליטערישער אָנגעשטריינגטקייט.

געשלאָסענע רייענווייס מאַרשירן די סאָלדאַטן פון דער רע־וואָלוציאָנערער אַרמיי.

באַם וואָקזאַל, אין האפן, בא די רעגירונג־געביידעס — אַ שטענדיקע וואַך פון פּאַטרולן.

## 20. קעגן די שיידים פון יענער זייט יאַם.

קעדאַי געווען איז א קוק־צו־טוּן אפן אינזל שאַמין, וואו ס׳געפינט זיך דער קאַנטאָנער אייראָפּייאישער קוואַרטאל, אין 1922 יאָר.

שאַמין איז אייגנטלעך א באַזונדערע אייראָפּייאישע שטאָט אין כינע, וואָס געהערט צו די איינגלענדער ($^2/_3$) און פראַנצויזן ($^1/_3$). די אייראָפּייער האָבן דאָ אויסגעבויט א גרויסע קולטור־שטאָט. דער קלימאַט איז דאָ א אויסגעצייכנטער, אזוי אז דאָס איז אייגנטלעך דאָס בעסטע ווינקעלע אין כינע.

די קולטורעלע אייראָפּייער האָבן אָבער אויסגעאַרבעט קלאָלים, אז קיין איין כינעזער, אפילע פון די, וואָס וואוינען אין שאַמין, זאָל ניט קאָנען אריין אהין, אויב ער האָט מיט זיך ניט קיין פּאַס־פּאָרט און קיין פאָטאָגראַפישן פּאָרטרעט זיינעם. דערביי דארף מען אים אַרומזוכן אלעמאָל באַם אריינקומען אין שאַמין. דאָס האָט ארויסגערופן א שטאַרקע אופרעגונג אין די מאסן.

דעם אויסברוך פון ד׳ערדאָזיקער אופרעגונג האָט מען געקאָנט זען דעמאָלט שוין פונדערווייטנס, דערנעענטערנדיק זיך צו שאמין. דער אינזל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שמירע. אלע שאַמינער כינעזער (די ארבעטער און אָנגעשטעלטע) האָבן פארלאָזט דער אינזל, אלע אונטערנעמונגען זיינען דאָרט געווען געשלאָסן. ס׳איז געוואָרן א טויטע שטאָט.

אינגיכן זיינען צום באָיקאָט צוגעשטאנען די יאַם־אַרבעטער, וואָס האָבן ניט דערלאָזט אויסלאָדן פאר שאַמין קיין שפּייז־פּראָדוקטן.

די אייראָפּייאישע איינוואוינער פון שאַמין זיינען געשטאנען פאר א געפאר פאָשעט אויסצוגיין פון הונגער.

בלויז אונטערן דאָזיקן דרוק האָבן די קאָנסולן נאָכגעגעבן און אָפּגעשאפט די שענדלעכע אנטיכינעזישע פאראָרדענונגען.

דער שאמינער באָיקאָט האָט געעפנט א ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון כינעזישן קאַמף מיט די „שיידים פון יענער זייט יאַם״.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל אָפּגעשפּילט אַזעלכע געשעענישן אין די שטעט פון דאָרעם־כינע.

אַלע געדיינקען נאָך די בלוטיקע שאַנכאַיער געשעענישן, וואָס האָבן זיך צעשפּילט אין מאַי פון 1925 יאָר איבער דעם, וואָס א יאַ־פּאנישער אופזעער האָט געשלאָגן א כינעזישע אַרבעטערן, דערפאר וואָס זי האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון איר 12־יאָריק שוועס־טערל, וועלכע ער האָט אופגעוועקט פון שלאָף מיט עטלעכע קלעפּ.

ס׳האָט גלייך אויסגעבראָכן א שטרייק פון 35.000 אַרבעטער. צו זיי זיינען דערנאָך צוגעשטאנען די סטודענטן. אין צינדאַאָ האָבן די ארבעטער פארנומען אייניקע יאפּאנישע אונטערנעמונגען. די פּאָליצײַ האָט אין זיי געשאָסן און עטלעכע געהאַרגעט.

אַלס פּראָטעסט קעגן דערדאָזיקער האַנדלונג איז דעם 30 מאַי אָרגאַניזירט געוואָרן א גראַנדיעזע סטודענטן־דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער סע האָבן זיך באטייליקט 23 לערן־אַנשטאלטן. די דעמאָנ־סטראַציע האָט אָרגאניזירט „דער קאָמיטעט צו קעמפן מיט די יאַפּאנישע מערדער״ צוזאמען מיט דער גאָמינ־דאנישער סטודענטנשאַפט. מיט פאָנען — „נידער מיט יאפאנישן אימפעריאַליזם״. „נידער מיט דער אויסלענדישער הערשאַפט אין שאַנכאַי״ — האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן.

ווען זיי זיינען דערגאַנגען צו נאנקינער גאַס, האָבן די איינ־גלישע פּאָליציי־לייט אַנקעגן זיי געעפנט א פייער.

אין רעזולטאַט פון דערדאָזיקער בלוטבאָד זיינען געווען פיל פאַרוואונדעטע, 6 האַרוגים און 400 אַרעסטירטע.

אַף דערוף האָט זיך אָפּגערופן די איבעריקע באַפעלקערונג: אין יוני האָט שוין געשטרייקט ניט קיין 35 טויזנט, נאָר 125.000 מאַן. די הענדלער אַפילע זיינען צוגעשטאַנען. גאַנץ כינע האָט געזאָטן, ווי אַ קעסל. די אויסלענדער אַפילע אין פעקין האָבן זיך דערפילט, ווי אַפן מויל פון אַ וואולקאַן.

ס׳איז אזוי ווייט דערגאן, אז מע האָט איינגעאָרדנט ספּעצי־עלע שיין־סיגנאַלן, וואָס וויבאלד ס׳ווערט געגעבן אזא סיגנאַל,

לויפֿן זיך אלע אויסלענדער צונויף אין דיפּלאָמאַטישן קוואַרטאַל אריין, אין די געביידעס פֿון די קאָנסולאַטן, קעדיי אויסצובאַהאַלטן זיך פֿונם גרימצאָרן פֿון דער צערייצטער כינעזישער באַפֿעלקערונג.

דעם גאַנצן זומער פֿון 1925 יאָר האָט די אייראָפּייאישע באַ־פֿעלקערונג געלעבט, ווי אין א באַלאַגערטער פֿעסטונג, מוירע גע־האַט ארויסצוגיין אין שטאָט אַריין.

אין יוני איז אין שאַנכײַ פֿאָרגעקומען א פּילטויזנטיקער מיטינג, אף וועלכן מע האָט אַרויסגעטראָגן פֿאָלגנדיקע פֿאָדערונגען:

1) באַפֿרייען די אַרעסטירטע אַרבעטער און סטודענטן.

2) צוריק צונעמען די פֿארשטרייקטע אַרבעטער אף די יאַפּאַ־נישע אונטערנעמונגען.

3) פֿולע פֿרייהייט פֿון פֿארזאַמלונגען, פֿאַריינען, פֿון דרוק און שטרייקן

4) אָפּשאַפֿן די עקסטעריטאָריעלע רעכט פֿון די אויסלענדער אין כינע און זייערע געריכטן.

אַרויספֿירן זייערע כאַיאָלעס און מיליטער־שיפֿן.

5) אָפּשאַפֿן דעם אויסלענדישן מוניציפּאַליטעט אין כינע און איבערגעבן זיינע איניאָנים דער כינעזישער מוניציפּאַל־(שטאָט־) פֿארוואַלטונג.

אָפּשאַפֿן די אויסלענדישע פּאָליציי.

6) באַשטראָפֿן די מערדער פֿון די אַרבעטער אף די יאַפּאַנישע פֿאַבריקן און אויך די פּאָליציי־מענער, וואָס האָבן געשאָסן אין דער דעמאָנסטעאַציע פֿון 30 מאַי.

אַרויסגעבן שטיצע די געליטענע און—זיך אָפֿיציעל אנטשולדיקן.

7) פֿארווערן לייבשטראָף אף די פֿאַבריקן.

8) פֿארבעסערן די היגיענישע ארבעט־באַדינגונגען אף די פֿאַב־ריקן, באַזונדערס פֿאַר פֿרויען און קינדער.

אַף דידאָזיקע פֿאָדערונגען האָבן די איינגלישע אימפּעריאַליסטן געענטפֿערט מיט עטלעכע צוגעשיקטע קיין שאַנכײַ קרייסערס און מיט א דעסאַנט.

די באפעלקערונג פון פיל ראַיאָנען פון דאָרעם־כינע האָט גע־ענטפערט מיט א באָיקאָט אַף די איינגלישע און יאַפּאנישע סכוירעס.

דעמאָלט האָבן זיך צווישן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס (די פאָר־שטייער פון אלע אויסלענדישע רעגירונגען אין פעקין) און צווישן די כינעזער (פעקינער רעגירונג און שאנכאַיער מוניציפּאַליטעט) אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען.

די אימפּעריאַליסטן האָבן אָבער אינגיכן איבערגעריסן דידאָ־זיקע אונטערהאַנדלונגען, מאַכמעס די כוצפּעדיקע כינעזער האָבן געהאט די האָזוע צו פאָדערן ניט נאָר קאָמפּענסאַציע פאר די שאַנ־כאַיער געשעענישן, נאָר ביכלאַל מאכן א סאָף פון די „אומגלייכע אָפּמאַכן", ד. ה., אַלע יענע אָפּמאַכן, וואָס טרעטן מיט די פיס די רעכט פון דער כינעזישער באפעלקערונג.

דאָס האָט די שיידים קלאַל ניט געשמעקט, ווייל דאָס האָט געהייסן פאר זיי א „זייט געזונט".

האָבן זיי זיך א וואָרף געטון צום אַלטן מיטל, אונטערצוקויפן די דוצזיונעס (מיליטערישע גענעראַלן), וואָס פירן צווישן זיך מילכאָמע, אונטערצוקויפן זיי מיט געווער, אַמוניציע, פּראָוויאַנט און טאַקע געלט־האַלוואָעס, האָפנדיק, אַז מיט דער הילף פון דידאָזיקע רעאַקציאָנערע גרופּירונגען וועלן זיי נאָך קאָנען זויגן, ווי פּיאַור־קעס, דעם מאַרך פון כינע. באַזונדערס האָפן זיי אף דער צאָפן־כינעזישער אַרמיי פון טזשאַן־זאָ־לינען און זיינע מיטגייער.

נאָר די אופגעוואַכטע פאָלקסמאַסן פון דאָרעם־כינע האָבן זיך באַפעסטיקט. די קאַנטאָנער אַרמיי זאַמלט אוף אונטער איר פאָן גאַנץ דאָרעם־מיזרעך און מיטל־כינע.

ווען די קאַנטאָנער רעגירונג וועט זיך ענדגילטיק באַפעסטיקן, וועט זי ריידן מיט די „שיידים פון יענער זייט יאַם" אַף א גאַנץ אנדער לאָשן, אפן לאָשן, אף וועלכן ס'האָבן אָנגעהויבן ריידן די כינעזער מיט די אויסלענדער פון זינט שאַמינער שטרייק.

## קוועלן, אויסגענוצטע אין דערדאָזיקער אַרבעט:


1) **Виленский-Сибирянов** — Сун-Ят-Сен — Отец китайской революции.
2) „ Чжан-Цзо-Лин.
3) „ У-Пей-Фу.
4) „ За китайской стеной.
5) **Мамаев и Колоколов** — Китай—страна, население, история. Гвиз. 1924.
6) **Ивин**—Китай и Советский Союз.
7) „ Первый этап.
8) **Войтинский**—Что происходит в Китае.
9) **В. И. Ленин**—О Китае.
10) **Зиновьев**—Китай и Марокко.
11) **Киржинц А.**—У порога Китая.
12) **Радек и др.**—Руки прочь от Китая.
13) **Сонов**—Что происходит в Китае.
14) **Круковская**—Китай. Жизнь и нравы.
15) **Магарам**—Китай.
16) **Приморский**—В Китай и обратно.
17) **Макговой**—Китайцы у себя дома.
18) **Боголепов**—Страноведение. (Китай. Япония.)
19) **Сун-Ят-Сен** · Капиталистическое развитие Китая.
20) „ Записки китайского революционера.
21) **Пименова**--Китайские революции.
22) Новый Энциклоп. словарь Брокгауз-Ефрон. Т. 21 („Китай").
23) **Гессе-Вартег**—Китай и китайцы.
24) **Витфогель**—Пробуждающийся Китай.
25) **Каринцев**—В стране великого Суна.
26) „ В странах Востока.


---

געאָגראַפיש-סטאַטיסטישער

# אנווייזער

## צו דער מאַפּע פון כינע

הילפס־טאַבעלעס צו געפינען באַם לייענען א צייטונג די באַזונדערע כינעזישע פּראָווינצן, זייער הויפּט־און בּיכלאל גרעסערע שטעט און זיך דערוויסן די צאָל און געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג.

# די צאָפן־פראָ

| | № | נאָמען פון פראָווינץ | ווי צו געפינען זי אַף דער מאַפּע (איר געאָגראַפישע לאַגע בענוגייע די שכיינעסדיקע פראָווינצן) | שעטעך (אין טויזנטער קוו. קילאָמ.) |
|---|---|---|---|---|
| I טאַבעלע | 1 | טשזשילי (אָדער טשילי, אָדער פעטשילי) | דער סאַמע צאָפן-מיזרעכדיקער ווינקל פון כינע | 115 |
| | 2 | שאַנדון (אָדער שאַן-טונג) | באַם יאַם. דאָרעמדיקער פון טשזשילי. פון ביידע זייטן טייך כואַנכע באַ זיין אַריינפאַלן אין יאַם. | 55 |
| | 3 | שאַנסי | האַרט לעם טשזשילי צו מאַירעוו זייט פון איר. אַפן לינקן ברעג פונם מיטלסטן שטראָם פון טייך כואַנכע | 81 |
| | 4 | שענסי | האַרט צו מאַירעוו פון שאַנסי. אַפן רעכטן ברעג פון מיטלסטן שטראָם פון טייך כואַנכע. | 75 |
| | 5 | גאַן־סו (קאַנסו) | האַרט צו מאַירעוו פון שענסי. פון ביידע זייטן טייך כואַנכע באַ זיין העכערן שטראָם | 125 |

# מיטלסטע פראָ

| | № | נאָמען פון פראָווינץ | ווי צו געפינען זי אַף דער מאַפּע | שעטעך |
|---|---|---|---|---|
| II טאַבעלע | 6 | כענאַן (כאַנאַן) | האַרט צו דאָרעם פון שענסי און טשילי און צו דאָרעם-מאַירעוו פון שאַנדון. אַפן רעכטן ברעג פון טייך כואַנכע פון זיין מיטל-נידערשטראָם. | 67 |
| | 7 | אַן־גוי (נגאַן-כווי) | צו מיזרעך פון כענאַן און מאַירעוו פון צזיאַנסו. פון ביידע זייטן נידערשטראָם פון טייך יאַנצזי. | 55 |

באַמערקונג: פּז—איז די טייטש שטאָט פון 1 מאַדרייגע, טשזשאָו איז די טייטש שטאָט פון 2 מאַדר., כע—איז די טייטש שטאָט פון דער 3 מאַדר.

## וינצן פון כינע

| באַפעלקערונג פון פראָווינץ (אין מיליאָנ.) | געדיכטקייט (אף איין קוו. מייל) | הויפטשטאָט פון פראָווינץ | באַפעלקערונג פון הויפטשטאָט (אין טויזנטער) | אַנדערע גרעסערע שטעט פון דער פראָווינץ |
|---|---|---|---|---|
| 34 | 294 | פעקין | 800 | טיאַן-צזין, קאַלגאַן, טאַקו, שאַנכאַי-גואַן, צינוואַן-דאַאָ, באַאָדינפו |
| 30 | 550 | צזיאַנפו | 1 מיליאָן | ציגדאַאָ, טשיפו, קיאַאָ-טשאַאָ, ווייכאַוויי |
| 11 | 134 | טאַי-יון-פוי | 250 | |
| 10 | 125 | סיאַנפו | 750 | |
| 1 | 47 | לאַן-טזשאָו-פו | 250 | |

וינצן פון כינע

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 30 | 454 | קאַי-פין-פו | 80 | |
| 20 | 337 | אַן-צי-פו | 40 | |

## מ י ט ל ס ט ע פ ר אָ

| | № | נאָמען פון פראָווינץ | ווי צו געפינען זי אַף דער מאַפּע (איר געאָגראַפישע לאַגע בענויגייע די שכייניסדיקע פראָווינצן) | שעטעך (אין טויזנטער קוו. קילאָמ.) |
|---|---|---|---|---|
| II טאַבעלע | 8 | צזיאַנסו־ (קיאַנג-סו) | צו מיזרעך פון אַן-גוי. צו דאָרעם פון שאַנדון. באַם יאַם. פון ביידע זייטן יאַנצזי. | 39 |
| | 9 | טזשעצזיאַן (טשעק·אַנג) | צו דאָרעם פון צזיאַנסו. צו מיזרעך פון אַן-גוי. באַם יאַם. | 37 |
| | 10 | כוביי (כופע) | צו דאָרעם פון כענאַן. צו מיזרעך פון שען-סי. דעריקער אַפן צאָפן-ברעג פון מיטלסטן יאַנצזי. | 71 |

## ד אָ ר ע ם ־ פ ר אָ

| | № | נאָמען פון פראָווינץ | ווי צו געפינען זי אַף דער מאַפּע | שעטעך |
|---|---|---|---|---|
| III טאַבעלע | 11 | צזיאַנסי (קיאַנגסי) | צו דאָרעם פון כוביי. צו דאָרעם-מאַירעוו פון אַנגוי. צו דאָרעם פון טייך יאַנצזי. | 69 |
| | 12 | פוצזיאַן (פוקיען) | צו מיזרעך פון צזיאַנסי. באַם יאַם. | 46 |
| | 13 | גואַנדון (קוואַנגטונג) | צו דאָרעם פון צזיאַנסי. אַף ביידע זייטן פון טייך סיקיאַנג. באַם יאַם. | 100 |
| | 14 | כונאַן | צו דאָרעם פון כוביי. צו מאַירעוו פון צזיאַנסי. דאָרעמדיקער פון מיטל-יאַנצזי | 83 |
| | 15 | גואַנסי (קוואַנגסי) | צו דאָרעם-מאַירעוו פון כונאַן. אַף ביידע ברעגן פון סיקיאַנג | 77 |

## מ י ז ר ע ך ־ פ ר אָ

| | № | נאָמען פון פראָווינץ | ווי צו געפינען זי אַף דער מאַפּע | שעטעך |
|---|---|---|---|---|
| IV טאַבעלע | 16 | גוי־טזשאָו (קוויי-טשאָו) | צו מאַירעוו פון כונאַן. צו צאָפן פון גואַנסי. צו צאָפן פון טייך סקיאַנג. | 67 |
| | 17 | סיטשואַן | דעריקער צו צאָפן פון טייך יאַנצזי, באַ זיין מיטשטראָם. | 218 |
| | 18 | יון־נאַן | צו דאָרעם-מאַירעוו פון סיטשואַן | 146 |

## ווינצן פון כינע

| באַפעלקערונג פון פּראָווינץ (אין מיליאָנ.) | געדיכטקייט (אף איין קוו. מייל) | הויפּטשטאָט פון פּראָווינץ | באַפעלקערונג פון הויפּטשטאָט (אין טויזנטער) | אַנדערע גרעסערע שטעט פון דער פּראָווינץ |
|---|---|---|---|---|
| 34 | 875 | שאנכאי הויפּט-האנדלס-צענטער פון כינע | 1 מיליאָן | סוטש-טזשאָו, נאנקין. פוקאָו, וואו-סון. |
| 22 | 600 | כאנטזשאָופו | 350 | נינבאָ וועזנטזשאָ. |
| 27 | 380 | וואו-טשאָנפו | | כאנקאָו. כאניאָן. לאָיאן. |

## ווינצן פון כינע

| באַפעלקערונג פון פּראָווינץ (אין מיליאָנ.) | געדיכטקייט (אף איין קוו. מייל) | הויפּטשטאָט פון פּראָווינץ | באַפעלקערונג פון הויפּטשטאָט (אין טויזנטער) | אַנדערע גרעסערע שטעט פון דער פּראָווינץ |
|---|---|---|---|---|
| 24 | 353 | נאָנטשאָנפו | | פינסיאן (קיילנגרובן) |
| 13 | 284 | פוטש-טזשאָו-פו | 100 | אמאָן |
| 37 | 372 | קאנטאָן פּאָליטצענטער פון דאָרעם-כינע. | 2 מיליאָן | גאָנקאָנג, מאקאאָ, סוואטאָו. |
| 28 | 341 | טשאנשאפו | 500 | |
| 12 | 158 | גוילינפו | 70 | |

## ווינצן פון כינע

| באַפעלקערונג פון פּראָווינץ (אין מיליאָנ.) | געדיכטקייט (אף איין קוו. מייל) | הויפּטשטאָט פון פּראָווינץ | באַפעלקערונג פון הויפּטשטאָט (אין טויזנטער) | אַנדערע גרעסערע שטעט פון דער פּראָווינץ |
|---|---|---|---|---|
| 11 | 167 | גוי-יאן-פו | | |
| 50 | 228 | טשענדופו | 500 | טשון-צין (600 טויזנט באפעלק.) |
| 10 | 67 | יון-נאן-פו | 50 | |

# אינהאלט

זייט.


1. כינע און ראַטנפאַרבאַנד . . . . . . . . . . . . . . . 7
2. דאָס געלע און רויטע לאַנד . . . . . . . . . . . . 11
3. די כינעזער . . . . . . . . . . . . . 15
4. די הויפּט-פּאַרנאָסע . . . . . . . . . . . . 17
5. גאַסן-שטייגער . . . . . . . . . . . . . 21
6. הויז און פאַמיליע . . . . . . . . . . . . 37
7. באַפעלקער-געדיכטקייט . . . . . . . . . . . . 40
8. די בליענדיקע מעלוכע . . . . . . . . . . . . 44
9. די ווייסע ליליעס, וואָס בליען אין כינע . . . . . . . . . 47
10. דאָס כינעזישע 1905 יאָר . . . . . . . . . . . 49
11. ווער איז סון-יאַט-סען . . . . . . . . . . . 54
12. אין קאַמף פאַר דער רעפּובליק . . . . . . . . . . 58
13. פון האַנט צו האַנט . . . . . . . . . . . 63
14. סון-יאַט-סענס ירושע . . . . . . . . . . . 67
15. וואָס וויל גאָמינדאַן . . . . . . . . . . . 70
16. אַ ביי קאַפּיטל כינעזישע געשיכטע (די אַרבעטער-באַוועגונג) . . . . . 81
17. איבער די גאַסן פון שאַנכאַי . . . . . . . . . . 85
18. בלויז פאַר אויסלענדער . . . . . . . . . . . 89
19. אין האַרצן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע (קאַנטאָן) . . . . . . 93
20. קעגן די שיידים פון יענער זייט יאַם . . . . . . . . . 98

ליטעראַטור-קוועלן . . . . . . . . . . . 102

געאָגראַפיש-סטאַטיסטישער אָנווייזער . . . . . . . . . 103

פרייז 60 קאפ

И. РИМОН

# ЗА КИТАЙСКОЙ СТЕНОЙ

[illegible]

[illegible]

[illegible]